STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04521

70 YOR ARBETER TSIENIZM IN AMERIKE

Aaron Alperin

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Mitchell Waife
in memory of
B.Z. Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

70 יאר
ארבעטער ציוניזם
אין אמעריקע

פון

אהרן אַלפּערין

נומער 6 — 50 סענט אַ קאָפּי

אַרויסגעגעבן פון

ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו-יאָרק, נ. י.

Copyright © 1976 by
LABOR ZIONIST ALLIANCE
New York, N. Y.

U.S. Library of Congress Catalogue Number: 76-23588

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS., INC.
New York, N. Y.

אינהאַלט

אַריינפיר 5
דער אָנהויב 7
מיט דער פאָן פון קאַמף פאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם 10
אין דער ערשטער וועלט־מלחמה 13
פאַרן אויפבוי פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל 16
צווישן די צוויי וועלט־מלחמות 18
זיג אויף דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־גאַס 21
אין צווייטן וועלט־קריג 24
פאַרטיפונג און פאַראייניקונג 27
אַריינגייענדיק אין דער נייער עפּאָכע 30
אין אידישן ישוב אין אַמעריקע 31
ישראל און דאָס אידישע פאָלק 32
אין ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד 32
נאָכוואָרט 33

אהרן אַלפּערין, שריפטשטעלער, פּובליציסט און היסטאָריקער פון ציוניזם, איז פאַרן קריג געווען רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער טאָג־ציַיטונג אין פּאַריז, „פּאַריזער היינט". זינט 1945 האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „טאָג", שפּעטער פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל" אין ניו־יאָרק, ביז די צייטונג האָט זיך געשלאָסן, אין 1971. אהרן אַלפּערין איז דער אויטאָר פון אַ בוך „פאָרען אידען קיין ישראל", און פון מאָנאָגראַפיעס וועגן בנימין זאב הערצל, באַראָן עדמאָנד דע ראָטשילד, דר. נחום גאָלדמאַן, ריכטער לואי ד. בראַנדייס, דר. סטיפען ס. וויַיז, דר. ישראל גאָלדשטיין, פּנחס רוטענבערג און פון אַ רייע פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון ציוניזם. אהרן אַלפּערין'ס בוך „הערצל'ס טאָג־ביכער" אין אידישער איבערזעצונג, און מיט דער־קלערונגען, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער ביבליאָטעק אין ירושלים, איז אָנערקענט אַלס אַ מאָנומענטאַל ווערק אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור.

▼

אורוויננג העלער איז אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אַ מיטגליד פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון דער ציונ. אַרב. באַוועגונג און פאַרזיצער פון נאַציאָנאַלן קולטור־קאָמיטעט פון פאַר־באַנד; ער איז פאַרזיצער פון דערציאונגס־קאָמיטעט ביי דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע; אַ מיטגליד פון באַארד אָוו דירעקטאָרס פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון הסתדרות; סעקרעטאַר פון ניו־יאָרק ראַיאָן־קאָמיטעט פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און איינער פון די רעדאַקטאָרן פון יונייטעד פעדעריישאָן פון לערערס ביים אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט „לעקציע־פּלענער וועגן סאָוועטישן אידנטום", ווי אויך אַ רעדאַקטאָר פון „לעקציע־פּלענער וועגן חורבן". ער איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון „נאַציאָנאַלע עקזאַמענס פאַר העברעאישער קולטור" פאַר היי־סקול און ישיבה סטודענטן און אַ רעדאַקטאָר פון העברעאישן „רידזשענס קולטור פּאַמפלעט". אורווינג העלער איז געווען דער גרינדער פון קאָמיטעט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן ביים יונייטעד פעדעריישאָן פון לערער־קאַונסיל פון אויפזעער און אַדמיניסטראַטאָרן. ער איז געוועזענער פאַרזיצער פון קאָמיטעט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן ביים „גראָווער קליוולאַנד היי־סקול" אין ניו־יאָרק.

70 יאָר אַרבעטער־ציוניזם אין אַמעריקע

פון
אהרן אַלפּערין

אַריינפיר

ווער עס שטודירט די געשיכטע פון פועלי ציון און פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין די פאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע, מוז בויגן דעם קאָפּ פאַר דער רייכער אידייען־וועלט און פּיאָנערישקייט פון די ערשטע גרינדער און פּאָרקעמפער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פון אָנהויב אָן זיך אידענטיפיצירט איינע מיט דער אַנדערער און זיינען געגאַנגען האַנט־אין־האַנט אין זייערע געמיינזאַמע טעטיגקייטן.

די ערשטע גרינדער און קעמפער פון דער באַוועגונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין צפון־אַמעריקע זיינען אַרויסגעקומען אויף דער אידישער גאַס מיט אידייען, וואָס זיינען געוואָרן די וועג־ווייזער פאַר דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אידענטום אין די שפּעטערדיגע צענדליגער יאָרען און פאַר זיין אַרויפשטייגן צו דער צענטראַלער ראָלע, וואָס דער אָרגאַניזירטער אידישער ישוב אין די פאַראייניגטע שטאַטן שפּילט איצט אין לעבן און אין קיום פון מדינת ישראל און פון וועלט־אידענטום. דער אינהאַלט און דער ציל פון אַ גרויסן טייל פון די אידייען האָבן אויך באַלד, פון אָנהויב אָן, זיך באַצויגען ניט נאָר צו די אויפגאַבן און אינטערעסן פון אַמעריקאַנער אידענטום, נאָר אויך פון וועלט־אידענטום, און גאָר באַזונדערס פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע און אין דער וועלט, אין דעם קאַמף פאַר אַרבעטענדיגן ארץ ישראל.

אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען וועלן די דאָזיגע אויספירן באַגרינדעט ווערן און אילוסטרירט ווערן מיט פאַקטן. אין אָט דעם אַריינפיר קאָנען אָנגעצייכנט ווערן בלויז די הויפּט־אידייען, וואָס די גרינדער פון פועלי ציון און פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן שוין מיט זעכציג־זיבעציג יאָר צוריק פּראָקלאַמירט אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע און זיינען אַרויסגעגאַנגען אין דעם שווערן, אַנטשלאָסענעם קאַמף פאַר זייער פאַרווירקליכונג, אין דער דעמאָלטיגער שאַרף געגנערישער אַטמאָספערע פון טיפער אַסימילאַציע און פאַרלייקענונג פון דעם אידעאַל פון אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

אין אויבן אָן פון דעם אידעאָלאָגישן פּראָגראַם, מיט וועלכן די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט קאָן מיט רעכט שטאָלצירן ביז׳ן היינטיגן טאָג, זיינען דאַן אַרויפגעשטעלט געוואָרן פאָלגענדע צילען:

- געווינען די אידישע מאַסן אין אַמעריקע פאַר דעם אידעאַל פון אַרבעטער־ציוניזם;
- אָרגאַניזירען די אידישע אַרבעטערשאַפט אין די פאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע פאַר שטיצן דאַס אַרבעטענדיגע ארץ ישראל;
- צונויפרופן די ערשטע קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטערשאַפט פאַר ארץ ישראל;
- גרינדן דעם ערשטען פאָנד פאַר׳ן אַרבעטענדיגן ארץ ישראל (אַ לאַנגע צייט פריער, איידער עס איז געשאַפען געוואָרן דער געווערקשאַפטען־קאַמפּיין פאַר „הסתדרות״);
- קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון אידישן געזעלשאַפטליכן לעבן אין אַמעריקע;
- קאַמף פאַר גרינדען דעמאָקראַטישע אידישע קהילות אין אַמעריקע;
- אויפשטעלען די ערשטע מאָדערנע אידישע שולן אין אַמעריקע — צוגאָב־שולן, טאָג־שולן, אויך מיט דער פאָדערונג פאַר איינפירן די לימודים פון אידיש און העברעאיש אין די אַלגעמיינע רעגירונגס־שולען;
- גרינדונג פון אידישן לערער־סעמינאַר;
- אַרויסגעבען אידישע קינדער־ליטעראַטור, לערן־ביכער, ווערק פון אידישע שריפטשטעלער און פאַרשפרייטן אידישע ביכער;
- דערמוטיגען אַ חלוצים־באַוועגונג אין אַמעריקע און שיקן די ערשטע גרופּעס פון פּיאָנערן און עולים קיין ארץ ישראל;
- פאַראייניגן די אַמעריקאַנער ציוניסטישע באַוועגונג דורך שאַפען אַ פעדעראַציע פון די באַזונדערע פּאַרטייען און גרופּעס;
- צונויפרופן אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס פאַר דעם קאַמף פאַר דער ווידער־אויפריכטונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל און פאַר באַשיצן די רעכט פון די אידישע ישובים אין לענדער פון פאַרפאָלגונגען;
- גרינדן אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס פאַר די פּראָבלעמען פון וועלט־אידענטום;
- צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט פאַר ארץ ישראל;
- אָרגאַניזירן אַ אידישע יוגענט־באַוועגונג אין אַמעריקע און צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון אידישע יוגענט־פאַרבאַנדן;
- גרינדן קיבוצים אין ארץ ישראל דורך די חלוצים פון אַמעריקע.

און די רשימה קאָן נאָך פאַרגעזעצט ווערען א סך לענגער. מיט די אלע אידייען און איניציאַטיוועס איז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אַרויסגעקומען באַלד אין די ערשטע צייטען — אין צוגאָב צו דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון קאַמף פאַר פאַרבעסערן די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער־און פאָלקס־מאסן אין אַמעריקע, הויבן זייער סאָציאַלן און קולטורעלן מצב און געווינען פאַר זיי די געהעריגע פּאָזיציע אין אַמעריקאַנער לעבן און אין דער אידישער סביבה.

די אידייען און די איניציאַטיוועס פון די ערשטע גרינדער און קעמפער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין די פאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע זיינען געוואָרן, און זיינען, אין אַ גרויסער מאָס ביז׳ן היינטיגען טאָג די באַזע פון אונזער אידישן כלל־לעבען אין צפון־אַמעריקע.

דער אָנהויב

„הערצל איז געווען א פאַלשער משיח. דער ציוניזם איז געווען באַנקראָט, נאָך איידער הערצל איז געשטאָרבן.

„הערצל איז געווען א אידעאַליסט. ער האָט געוואָלט באַפרייען זיין פאָלק. אָבער דער ציוניזם איז ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, אַ שיינער חלום אָבער ניט מער ווי אַ חלום.

„הערצל איז געווען אַ חכם. ער איז געשטאָרבן אין צייט, בכדי ער זאָל ניט דערלעבן צו זען, ווי זיין אידעאַל, דער ציוניזם, שטאַרבט־אָפּ.

אין אַזעלכע וואריאַציעס האָבן געקלונגען די קלאָג־לידער, וואָס זיינען אין אַ גרויסן טייל פון דער דעמאָלטיגער אידישער פרעסע אין ניו יאָרק געדרוקט געוואָרן נאָכ׳ן טויט פון דעם גרינדער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פאָטער פון דער אידישער מדינה, דר. בנימין זאב הערצל אין יולי 1904.

„מיר האָבן אַזעלכע האַנדלונגען ניט געקאָנט פאַרשווייגן און האָבן אַרויסגעגעבן אַ פלוג־בלאַט אונטער׳ן נאָמען „די וואַרהייט״ אין וועלכן מיר האָבן אויסגעגאָסן אונזער צאָרן אויף די וואָס האָבן געהאַט די חוצפה צו רעדן אין אַזאַ אומאַנשטענדיגען טאָן וועגען אונזער פאַרשטאָרבענעם פירער״ – האָט געשריבן אין זיינע זכרונות אויף אַ פאָלקסטימליכן אופן, איינער פון די ותיקים פון דער פועלי־ציון באַוועגונג אין אַמעריקע, צבי יוסף כהן.

דאָס פלוג־בלאַט „די וואַרהייט״ איז פאַרשפּרייט געוואָרן אויף די גאַסן פון דער איסט־סאַיד אין ניו יאָרק דורך עטליכע איבערגעגעבענע חברים (**ברוך צוקערמאַן** איז געווען צווישן זיי) פון „ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן פאַראיין „פּועלי ציון״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע׳ס מעטראָפּאָליע, אין פרילינג 1903. דאָס איז געווען די ערשטע פּועלי־ציון־גרופּע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַמעריקע. אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליגט זיבן חברים, כמעט אַלע ניט לאַנג פריער איינגעוואַנדערטע פון רוסלאַנד, וואו זיי זיינען שוין געווען אַקטיווע פּועלי־ציון. צווישן די גרינדער האָבן זיך געפונען: א. ליטווין (הורוויץ), אב. גאָלדבערג – וועלכע זיינען שפּעטער גוט באַקאַנט געוואָרן אין דער ציוניסטישער פרעסע אין אַמעריקע אלס פירענדע פּובליציסטן און לעוויטאַן (ליוואי), משה גוטמאַן, הערשל הורוויץ, און די יונגע חברות קאַטין און גלאַזער.

„די וואַרהייט״ איז ניט געווען די ערשטע געדרוקטע שריפט, וואָס דער „ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער פאַראיין פּועלי ציון״ אין ניו יאָרק האָט אַרויסגעגעבן. נאָך פריער, באַלד נאָך דער גרינדונג, האָט די יונגע אָרגאַניזאַציע פאַרעפנטליכט אַ בראָשור אונטערן נאָמען: „אונזער פּלאַטפאָרם, אַן אַפּיל צו דער אידישער יוגענט אין אַמעריקע״. די פּלאַטפאָרם האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דערקלערן די ענגע אידייאישע פאַרבינדונג צווישן דעם קלאַסען־קאַמף און ציוניסטישן באַפרייאונגס־אידעאַל. „דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער פרייהייט, פּונקט ווי די בולגאַרן, מאַקעדאָניער, פּאָלאַקן, אַרמענער און אנדערע אונטערדריקטע פעלקער. דאָס, וואָס די אַלע פעלקער זיינען ניט אָפּגעריסן פון זייער באָדען, און די אידן זיינען

יאָ אָפּנעריסן, מאַכט די אויפגאַבע שווערער, אָבער ניט אוממעגליך" — האָבן די ערשטע פּיאָנערן פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־ציוניזם געשריבן אין זייער פּראָגראַם. „דער באַפרייאונגס־אידעאַל האָט באַקומען פליישׁ־און בלוט. ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער דייטליכער שטרעבונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען ציוניזם". און אינפאָרמירענדיג, אַז אין רוסלאַנד עקזיסטירט שוין אַ פעדעראַציע פון פּועלי ציון, וואָס „האָט אַ פעסטען באָדען" ווערט דערקלערט אין דער פּלאַטפאָרם: „מיר גייען ניט גרינדן עטוואָס נייעס, נאָר מיר ווילן אַ באַוועגונג אין איין וועלט־טייל מאַכן פאַר אַ באַוועגונג אין צוויי וועלט־טיילען, פאַר אַ וועלט־באַוועגונג".

מיט דער דאָזיגער וויזיע אינספּירירט פון בער באָראָכאָוו'ס „אונזער פּלאַטפאָרם" איז אַנטשטאַנען דער אַרבעטער־ציוניזם אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדן, וואו עס האָט שוין דאַן עקזיסטירט אַן אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

נאָך דער גרינדונג פון ערשטן פאַראיין אין ניו יאָרק האָבן זיך אַנגעהויבן אָרגאַניזירן פּועלי ציון־גרופּעס אין פאַרשידענע שטעט איבער'ן לאַנד: אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באָסטאָן, מילוואָקי, קענזעס סיטי, באַלטימאָר, פּיטסבורג, סט. לואיס, האַרטפאָרד, באָפאַלאָ, פּאָרטלאַנד, דעטראָיט, וואַשינגטאָן, מינעאַפּאָליס. יעדע פון די אָרגאַניזאַציעס האָט מיט זייער גרויסע שוועריגקייטן און שטערונגען דורכגעבראָכן איר וועג אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, ווי קליינע גרופּעס, וועלכע האָבן געהאַט אַנטקעגן זיך אַ גרויסע אידישע אַרבעטער־מאַסע, וואָס איז דורך די מערסטע און איינפלוסרייכסטע פון אירע דעמאָלטיגע פירער דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט פון שאַרפער קעגנערשאַפט צום ציוניסטישן אידעאַל. אַ טייל פון די יונגע גרופּעס האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך חברים, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן פירענדע פערזענליכקייטן אין אַמעריקאַנער פּועלי־ציוניזם, ווי חיים פיינמאַן און מאיר בראַון אין פילאַדעלפיע און הערמאַן זיידעל אין באַלטימאָר.

די ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט נאָכ'ן פאַרעפנטליכן די בראָשור „אונזער פּלאַטפאָרם" אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין מאַי 1904 אַ דריי מאָנאַטליכן זשורנאַל „די נייע שטימע", וואו אַלס לאָזונג איז געווען אויפגעשריבן: „אמת'ע באַפרייאונג איז זעלבסט־באַפרייאונג", אינספּירירט פון דר. לעאָן פינסקער'ס קלאַסיש ווערק אין ציוניזם: „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע". אין ערשטן נומער, וואָס האָט געהאַט 48 זייטען, איז אויך געדרוקט געוואָרן דאָס פּועלי־ציוניסטישע „שבועה"־ליד.

און אין די טעג פון 29־טן אַפּריל ביז'ן 1־טן מאַי 1905 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע מיט דער באַטייליגונג פון צוויי און צוואַנציג דעלעגאַטן פון די באַזונדערע גרופּעס איבער'ן לאַנד. צווישן די באַשלוסן פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען צו העלפען די פּועלי ציון אין רוסלאַנד און זאַמלען געלט פאַר דער זעלבסט־שוץ, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין רוסלאַנד האָט דאַן געהאַט אָרגאַניזירט געגן די פּאָגראָמען אויף אידן אין דעם יאָר פון דער ערשטער רעוואָלוציע קעגן צאַריזם.

די ניי־אָרגאַניזירטע פּועלי ציון־באַוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישן שטראָם אין דעם דעמאָלטיגן קאָכיגן פּאַרטייאישן לעבן אויף דער אידישער גאַס. און די דערקלערונגען און רעדעס פון אירע פירער זיינען געוואָרן ברייט קאָמענטירט — און על פּי רוב שאַרף באַקעמפט — אין די פאַרשידענע קרייזן — פון לינקס און רעכטס.

דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר אין 1905 האָט געלייגט די יסודות פאַר דער

אויסגעוואַקסענער באַוועגונג פון דער פאַראייניגטער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע, וואָס פייערט איצט איר זיבעציג־יעריגן יובילעי, און וואָס האָט אין די זיבען יאָר־צענדליגער, גייענדיג און קעמפענדיג געגן דעם אַלגעמיינעם דאָמינירענדיגן שטראָם, געשפּילט אַ פּיאָנערישע היסטאָרישע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אידנטום; אין אויפוועקן, דערמוטיגן און שטאַרקן די פליכטן און אויפגאַבן פון אַמעריקאַנער אידן צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דעם גורל פון וועלט־אידענטום און אָנפירן דעם קאַמף פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג דורך באַנייען די זעלבסטשטענדיגע אידישע מדינה אין אַלט־נייעם אידישן היימלאַנד, אין ארץ ישראל.

מיט דער פאָן פון קאַמף פאַר'ן סאָציאַליסטישען ציוניזם

די ערשטע קאָנוועשאָן פון דער ניי־געגרינדעטער פועלי ציון־אָרגאַניזאַציע איז צונויפגערופן געוואָרן אין דעצעמבער 1905 אין באַלטימאָר. ביי דער קאָנוועשאָן, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט צוואַנציג דעלעגאַטן פון צען פאַראיינען אין אַכט שטעט, איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָגראַם מיט אַ טיפערער און אויספירליכערער פאָרמולירונג פון די אידייען און צילן פון דער באַוועגונג. אויסרעכענענדיג בלויז די וויכטיגסטע פונקטן, ציטירן מיר פון דעם פּראָגראַם:

„אזוי ווי פאַר דער נאָרמאַלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז זי זאָל בילדן אַ מאַיאָריטעט אויף אַ באַשטימטן באָדן; און אַזוי ווי די דאָזיגע אַנטוויקלונג קאָן פאַרווירקליכט ווערן נאָר אויף דעם היסטאָריש באַרעכטיגטן באָדן פון דעם באַטרעפענדן פאָלק, שליסען מיר זיך אָן צו דעם ציוניזם, וועלכער שטרעבט צו שאַפן אַן עפנטליך־רעכטליך געזיכערטע היים פאַר דעם אידישען פאָלק אין ארץ ישראל״ (ווי עס איז דערקלערט געוואָרן אין דעם פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1897.)

אין ווייטערדיגן טייל פון פּראָגראַם איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטווענדיגקייט צו פאַרשטאַרקן די פּראַקטישע אויפבוי־אַרבעט אין ארץ ישראל, אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך, צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער פאָלקס־שפּראַך; אָנפירן אַ טעטיגקייט פאַר'ן אידישן נאַציאָנאַל פאָנד („אַלס סאָציאַליסטן אַנערקענען מיר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, וועלכער איז באַשטימט פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן אין ארץ ישראל, אַלס די וויכטיגסטע אינסטיטוציע אין ציוניזם״ — איז געזאָגט געוואָרן אין דעם פּראָגראַם).

די חברים זיינען פאַרפליכטעט געוואָרן אָנצושליסן זיך אָן די ארבעטער־יוניאָנס, און עס איז געפאָדערט געוואָרן, אַז פועלי ציון זאָל אַנערקענט ווערן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אלס פאַרטרעטער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין אַ רעזאָלוציע איז רעקאָמענדירט געוואָרן, אַז די פועלי ציון־פאַראיינען זאָלן איינפירן געגנזייטיגע הילף פאַר די חברים (דאָס האָט געפירט שפּעטער צו דער גרינדונג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד).

איינע פון די וויכטיגסטע רעזאָלוציעס איז געווען צו גרינדן אַ וועכענטליכן פאַרטיי־אָרגאַן אונטער'ן נאָמען „דער אידישער קעמפער״. (דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 30־טען מערץ 1906, דריי חדשים נאָך דער באַלטימאָרער קאָנוועשאָן).

אַן אָנהויב איז אויך געמאַכט געוואָרען ביי דער קאָנוועשאָן פאַר אָרגאַניזירן „ספּעציעלע פועלי ציון פּיאָנערן־גרופּן צו פאָרן קיין ארץ ישראל און באַטייליגן זיך אין אויפבוי פון לאַנד״.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די באַוועגונג זאָל טראָגן דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פועלי ציון פון אַמעריקע״.

נאָך דער באַלטימאָרער קאָנווענשאָן איז די באַוועגונג גיך און שטאַרק געוואַקסן. ביי דער צווייטער קאָנווענשאָן, אין דעצעמבער 1906 אין באָסטאָן, זיינן געווען פאַרטראָטן פערציג פאַראיינען מיט 1,500 מיטגלידער.

די נייע פּועלי ציון־באַוועגונג האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער אַרבעט און אין די געלד־זאַמלונגען פון דער „דזשואיש דעפענס אַסאָסיאיישאָן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו יאָרק אין 1905 אונטער דער אָנפירונג פון דר. יהודה לייב מאַגנעס פאַר העלפען די אידישע זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד געגען די פּאָגראָמען און שיקן שטיצע פאַר די קרבנות פון די פּאָגראָמען. די פּאַרטיי האָט אויך אָרגאַניזירט איבער'ן גאַנצן לאַנד פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען געגען די פּאָגראָמען.

ביי דער דריטער קאָנווענשאָן, אין סעפּטעמבער 1907, אין פילאַדעלפיע איז באַשלאָסן געוואָרן צו „אונטערזוכן די מעגליכקייטן צו גרינדן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־רינג", וויל די חברים פּועלי ציון „האָבן זיך ניט געפילט גוט" אין דעמאָלט שוין עקזיסטירענדיגען אַרבעטער־רינג. אויך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּאַרטיי זאָל צוטרעטן צו גרינדן אידישע שולען און זיך אָפּגעבן מיט דער פראַגע פון אידישער דערציאונג. די באַוועגונג האָט שוין דאַן איינגעאָרדענט הונדערטער לעקציעס איבער'ן לאַנד וועגן אידישע פּאָליטישע און קולטור־פּראָבלעמען.

די פערטע קאָנווענשאָן אין סעפּטעמבער 1909, אין שיקאַגא, האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ קאָנסאָלידירטע באַוועגונג. די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (וואָס האָבן פאַרטיידיגט די אידייע פון סתם אַ טעריטאָריע, ניט דווקא ארץ ישראל, אַלס פּאָליטישען צענטער פון אידישן פאָלק), וועלכע האָבן געהאַט פריער אָפּגעריסן זיך פון די פּועלי ציון („פּאַלעסטינצעס"), זיינען צוריקגעקומען. און די פאַראייניגונגס־דעקלאַראַציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט גרויס פייערליכקייט. דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. נחמן סירקין, ברוך צוקערמאַן, מאיר בראַון, ה. ערענרייך, פּנחס קרוזאָ זיינען געוואָרן די טאָן־געבענדע פירער פון דער פאַראייניגטער באַוועגונג.

אַ גרויס און וויכטיג געשעעניש ביי דער קאָנווענשאָן איז געווען די גוטהייסונג פון דער גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיגען ציוניסטישן אַרבעטער־אָרדען, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „אידיש־נאַציאָנאַלר אַרבעטער פאַרבאַנד", פאַר וועלכן מאיר בראַון מיט נאָך זעקס חברים האָבן געלייגט דעם יסוד ביי אַ באַראַטונג אין פילאַדעלפיע; אין אויגוסט 1908. דאָס איז געווען די פאַרווירקליכונג פון דעם פּלאַן, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פריער, אויף דער קאָנווענשאָן אין 1907, וועגן גרינדן אַ „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־רינג".

ביי דער פינפטער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, אין אָקטאָבער 1910 אין מאָנטרעאָל, איז שוין אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אָנצוהויבן אַן אַקטיווע אַרבעט פאַר אידישער דערציאונג און „גרינדן שולן אין אידיש, וואו עס זאָל געלערנט ווערן די אידישע שפּראַך און אידישע ליטעראַטור, און אידישע געשיכטע". די פּועלי־ציון באַוועגונג איז דורך דעם געוואָרן די פּיאָנערין פון די מאָדערנע אידישע שולן אין די פאַראייניגטע שטאַטן און אין קאַנאַדע. ביי דער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזירן אידישע קהילות אין אַמעריקע פאַר דער „פאַרטיידיגונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער אידן" און פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון אידישן כלל־לעבן אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

די פּועלי ציון־פּאַרטיי איז דערמיט שוין אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון אַלגעמיינעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, פּראָקלאַמירענדיג די גרונד־אידייען, פאַר

וועלכע די באַוועגונג האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף און וואָס האָבן שפּעטער געפירט צו דער אַנטוויקלונג און וואוקס פון אַמעריקאַנער אידענטום אַלס אַ הויפּט־כוח אין וועלט־אידענטום.

די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע האָט נאָכגעפאָלגט די זעלבע הויפּט־ליניעס, ווי אין די פאַראייניגטע שטאַטן. געגרינדעט אין 1905, האָבן די ערשטע פאַראיינען פון די פועלי ציון אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ, שפּעטער אויך אין וויניפּעג און אין עטליכע קלענערע שטעט, זיך גיך אויסגעברייטערט און געוואונען אין אָנזען און איינפלוס. די פינפטע קאָנווענשאָן פון די פועלי ציון אין צפון־אַמעריקע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָנטרעאָל אין 1910, האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין קאַנאַדע. גלייכצייטיג האָט אויך דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אריינגעצויגן אַ באַדייטענדע צאָל מיטגלידער.

ווי אין די פאַראייניגטע שטאַטן, האָט אויך די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין קאַנאַדע גענומען די איניציאַטיוו פאַר גרינדן אַ רייע נויטיגע אידישע געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע און קולטור־און דערציאונגס־אינסטיטוציעס, און אין אַלגעמיין פאַר דער אָרגאַניזירונג פון קאַנאַדער אידענטום, באַזונדערס פאַר שאַפן דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, וואָס נעמט פאַקטיש אַרום היינט־צו־טאָג דעם גאַנצן אידישן ישוב אין לאַנד. פונקט אַזוי האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין קאַנאַדע אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער גרויסער און פאַרצווייגטער פּאָליטישער אַקציע און הילפס־אַרבעט, וואָס קאַנאַדער אידען פירען־אָן פאַר׳ן אידישן היימלאַנד אין ארץ ישראל.

אַ באַזונדערס גלאָררייך קאַפּיטעל איז דער פּיאָנערישער אויפטו פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין קאַנאַדע פאַר׳ן אידישן חינוך אין לאַנד. די טאָג־שולן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער ארבעטער־באַוועגונג אין וויניפּעג, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און אין עטליכע קלענערע ערטער, זיינען געווען דער יסוד פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער אידישער דערציאונגס־אַרבעט און פאַרנעמען ביז׳ן היינטיגן טאָג אַ פּראָמינענט אָרט אין אידישן חינוך אין לאַנד.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווען עס איז, דעם 1־טען אויגוסט 1914, אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, און דאָס אַמעריקאַנער אידענטום איז גערופן געוואָרן צו נעמען אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט סיי פאַר העלפן די שווער־געטראָפענע אידישע ישובים אין דער אַלטער היים, אין אייראָפּע, און סיי פאַר אָנהויבן אַן אינטענסיווע פּאָליטישע אַקציע אויסצוקעמפן די נאַציאָנאַלע רעכט פון אידישן פאָלק אויף זיין היימלאַנד אין ארץ ישראל — אין יענער תקופה, ווען עס האָט געהאַלטן ביים ענטשידען ווערן דער גורל פון אַ סך פעלקער און לענדער — איז דער אויסגעוואַקסענער אידישער קיבוץ אין די פאַראייניגטע שטאַטן געווען דערצו בלויז אין אַ קליינער מאָס צוגעגרייט. עס איז געווען נויטיג צו פאַרשטאַרקן דערפאַר דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון אַמעריקאַנער אידענטום און אים באַוועגן צו מער איניציאַטיוו און גרעסערע פליכטן. דער לאַגער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט איז שוין דאַן געווען גענוג אָרגאַניזירט און אידייאיש רייף צו דערפילן די דאָזיגע פּיאָנערישע אויפגאַבע.

אין דער שטרעבונג צו דעמאָקראַטיזירן די אַמעריקאַנער אידישע געזעלשאַפטליכקייט האָט די פּועלי ציון־פּאַרטיי שוין געהאַט געמאַכט אַ פּרואוו צו באַטייליגן זיך אין דער גרינדונג און אין דער אַרבעט פון דער אידישער קהילה, וואָס איז קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געשאַפן געוואָרן אין ניו יאָרק אַ דאַנק די באַמיאונגען פון דר. יהודה לייב מאַגנעס. אָבער אין 1913 האָט די פּאַרטיי באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פון דער קהילה, ווייל זי האָט זיך ניט פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אַרבעט און האָט זיך אָפּגעגעבן כמעט בלויז מיט רעליגיעזע ענינים. טאַקע דערפאַר האָט די קהילה נאָך אַ קורצער צייט אויפגעהערט בכלל צו עקזיסטירן.

דער פאַרבאַנד האָט צונויפגערופן, אין יאַנואַר 1913, די טשאַרטער־קאָנווענשאָן אין אָלבאַני, נ. י. און איז אַרויסגעקומען מיט דער קאַמפּס־לאָזונג: „נאַציאָנאַליזירן די אידישע גאַס״. ביי דער קאָנווענשאָן האָט דער פאַרבאַנד פּאַקטיש זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם פון פּועלי ציון און האָט שוין דאַן געהאַט געגרינדעט אידישע צוגאָב־שולן און האָט דורכגעפירט, אז עס זאָלן געעפענט ווערן אָפּטיילונגען פון אידישע און העברעאישע ביכער אין אַ גאַנצער רייע שטאָטישע ביבליאָטעקן איבער׳ן לאַנד.

נאָכ׳ן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האָט די פּאַרטיי צונויפגערופן אַ קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער, אין דעצעמבער 1914, און האָט גלייך אויפגענומען די נייע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך דאַן געשטעלט פאַר׳ן אַמעריקאַנער אידענטום און פאַר׳ן אידישן פאָלק אין דער וועלט. די פירער פון דער פּועלי ציון־וועלט־באַוועגונג, בער באָראָכאָוו און ש. קאַפּלאַנסקי, וועלכע זיינען דאַן געקומען קיין אַמעריקע, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי דער קאָנווענשאָן און האָבן באַזונדערס פאַרטיידיגט דעם פאָרשלאַג צונויפצורופן אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס פאַר פאָרמולירן די נאָך־

מלחמה־פּאָדערונגן פון אידישן פאָלק. דער פּלאַן וועגן צונויפרופן אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס איז שוין באַהאַנדעלט געוואָרן פריער, ביי דער קאָנווענשאָן פון דער פּועל ציון פּאַרטיי אין פּיטסבורג אין אָקטאָבער 1913. און ביי דער ספּעציעלער ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן גלייך נאָכ׳ן אויסברוך פון דער מלחמה, דעם 30־טען אויגוסט 1914, פאַר שאַפן אַ פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, וואָס זאָל איבערנעמען די פּאָליטישע אַרבעט פון וועלכער לואי בראַנדייס, שפּעטער ריכטער פון העכסטן געריכט, האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ – זיינען די פּועלי ציון־פאָרשטייער, דר. נחמן סירקין און ברוך צוקערמאַן אַרויסגעקומען מיט דעם פאָרשלאָג וועגן רופן אַ קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער אידען.

ביי דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן, אין אָקטאָבער 1916, און איז געעפענט געוואָרן דורך אייזיק העמלין, האָבען בער באָראָכאָוו, דוד בן־גוריון און ברוך צוקערמאַן זיך קאָנצענטרירט אין זייערע רעדעס אויף דער אַקציע פאַר אָרגאַניזירן אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און האָבען אויך פאָרגעשלאָגן צו רופען אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס פאַר אַרויסטראָגען די פאָדערונג פון אידישען פאָלק אויף ארץ ישראל. יצחק בן־צבי האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין ארץ ישראל און האָט פאָרמולירט די וויטערדיגע אויפגאַבן אין דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל. בן־צבי און בן־גוריון, וועלכע זיינען דאַן געקומען קיין אַמעריקע, נאָכדעם ווי זיי זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן פון ארץ ישראל דורך דער טערקישער מאַכט, האָבן פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט אין אלע אַקטיוויטעטן פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי.

אין מערץ 1916 איז ענדליך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע אַ פאָר־קאָנפערענץ וועגן צונויפרופן אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. די פּאַרטרעטער פון פּועלי ציון האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע פאַר אָננעמען אַ פּאָזיטיוון באַשלוס צו אָרגאַניזירן דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן און דורכפירן וואַלן פון דעלעגאַטן איבער׳ן גאַנצן לאַנד. ביי די וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מאַי 1917, האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט באַקומען כמעט אַ דריטל פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען. און ווען דער קאָנגרעס איז, נאָכן ווערן אָפּגעלייגט עטליכע מאָל, זיך צונויפגעקומען אין פילאַדעלפיע סוף 1918, האָבן די פּועלי־ציון דעלעגאַטן איבערגעוואויגן דערפאַר, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן די פאָדערונג וועגן אַ אידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ ישראל און צו פאַרזיכערן אין די שלום־אָפּמאַכן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט פאַר אידן אין פּוילן און אין אַנדערע מזרח־אייראָפּאישע לענדער, וואָס זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיג נאָך דער מלחמה.

גלייכצייטיג מיט דער פּאָליטישער אַקציע פאַר ארץ ישראל האָט די פּאַרטיי צוזאַמען מיט׳ן פאַרבאַנד געוואָרן אָרגאַניזירן אַ פאָלקסטימליכע הילפס־אַרבעט פאַר די אידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע זיינען שווער געטראָפן געוואָרן פון דער מלחמה. אויף דער איניציאַטיוו און מיט די באַמיאונגען פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דער „פּיפּלס רעליף״־קאָמיטעט. די נויטווענדיגקייט פאַר שאַפן אַזאַ הילפס־אָרגאַניזאַציע איז ענטשטאַנען איבער דער אומצופרידנקייט צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן מיט דער רעליף־אַרבעט, וואָס איז

דאַן אָנגעפירט געוואָרן פאַר די פאַראָרימטע אידן אין מזרח־אייראָפּע דורך דעם ערשט־געגרינדעטן „אַמעריקאַנער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט”. שלום אש איז צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג פאַר „פּיפּלס רעליף” און האָט ביי דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אין אויגוסט 1915 פאָרגעשלאָגן די דעקלאַראַציע וועגן דעם כאַראַקטער פון דער הילפס־אַרבעט אין נאַציאָנאַל־אידישן און פאָלקסטימליכן גייסט.

פאַר'ן אויפבוי פון אַרבעטענדיגן ארץ ישראל

די פּאָליטישע אַקציע פאַר ארץ ישראל אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ניט אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט און ניט אָפּגעשוואַכט די טעטיגקייטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע פאַר די צילן פון אויפבוי פון אידישן היימלאַנד, באַזונדערס פון אַרבעטענדיגן ישוב אין ארץ ישראל.

סוף נאָוועמבער 1917, באַלד נאָכדעם ווי די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט אַנערקענט די רעכט פון אידישן פאָלק אויף זיין נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל, האָט די פּועלי ציון־פּאַרטיי געשאַפן אַ קאָמיטעט פאַר „מאָביליזירן די אידישע אַרבערטערשאַפט קיין ארץ ישראל און פאַר ארץ ישראל". דוד בן־גוריון איז געוואָרן פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט; ברוך צוקערמאַן — וויצע־פאָרזיצער; ח. ערענרייך — סעקרעטאַר־קאַסירער; און ש. באַנטשעק — פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען גלייך די סומע פון פערציג טויזנט דאָלאַר צו שטיצן די אַרבעטער־ישובים און אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל. איבער'ן גאַנצן לאַנד זיינען דורכגעפירט געוואָרן מאַסן־מיטינגען מיט געלד־זאַמלונגען פאַר דעם פאָנד. גלייכצייטיג זיינען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען פאַר צונויפרופן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל.

דער קאָמיטעט האָט אויך דורכגעפירט אַן „אַרבעטער־רעגיסטראַציע פאַר ארץ ישראל". די לאָזונג איז געווען צו רעגיסטרירן די ערשטע פינף טויזנט אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער, וועלכע ווילן פאָרן קיין ארץ ישראל און העלפן בויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים. אַרום צוויי טויזנט האָבן זיך גלייך רעגיסטרירט.

דער גרעסטער אויפטו פון דעם קאָמיטעט איז געווען דאָס צונויפרופן דעם ערשטן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, אין יוני 1918. דער קאָנגרעס איז פאַקטיש געווען דער פאָרלויפער פון שפּעטערדיגן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער „הסתדרות". פאַר אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס האָבן די איניציאַטאָרן געמוזט דורכברעכן זייער גרויסע שוועריקייטן און שטערונגען. דער אַרבעטער־רינג האָט דערקלערט, אַז ער „מוז בלייבן נייטראַל" און וועט זיך ניט באַטייליגן. אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס האָבן זיך געהאַלטן פונדערווייטנס און אויך אַגיטירט קעגן דער אידייע פון קאָנגרעס. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף, אין וועלכן עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז „די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן דער פירענדער פאַקטאָר אין נייעם אידישן לאַנד", און אַז דערפאַר וועט דער קאָנגרעס „אויסגעפינען די פּאַסענדסטע וועגן, ווי אַזוי יענע אַרבעטער, וועלכע וועלן בלייבן דאָ אין אַמעריקע, זאָלן קאָנען שטענדיג געבן זייער הילף דער ארץ ישראל'דיגער אַרבעטערשאַפט און אויסאיבן זייער איינפלוס, אַז ארץ ישראל זאָל געבויט ווערן אין די אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, אין איינקלאַנג מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל".

דער ערשטער האָט אונטערגעשריבן דעם אויפרוף דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־פירער יוסף שלאָסבערג, שפּעטער פּרעזידענט פון הסתדרות־קאַמפּיין.

דער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמעלט אין יוני 1918 מיט דער באַטייליקונג פון צוויי הונדערט דריי און פופציג דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט 250,000 אידישע אַרבעטער. באַגריסענדיג די מעגלעכקייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם אידישן פאָלק „אויפצובויען זיין זעלבסטשטענדיגע און פרייע היים אין זיין היסטאָרישן לאַנד ארץ ישראל", האָט דער קאָנגרעס גערופן אַלע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו פאַראייניגן זיך, בכדי „צו אַרבעטן פאַר דער פאַרווירקליכונג פון נייעם ארץ ישראל־אידעאַל". יוסף שלאָסבערג איז געוואָרן פרעזידענט פון דער אויסגעוויילטער ענגערער עקזעקוטיווע, און דוד פּינסקי, דער באַרימטער שריפטשטעלער און פועלי ציון־פירער איז געוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר. אין באָסטאָן האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אייזיק העמלין, שפּעטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון הסתדרות־קאַמפּיין.

אַ גרויסע טעטיגקייט איז אָנגעהויבן געוואָרן פאַר׳ן „פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד". ש. באָנטשעק איז געווען אָנפירער פון דער אַקציע.

גלייכצייטיג איז אָנגעגאַנגען ווייטער די רעגיסטראַציע פון אידישע אַרבעטער פאַר פאָרן קיין ארץ ישראל און העלפן בויען דאָס אידישע היימלאַנד. איינע פון די הויפּט־טעטיגקייטן פון יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון נאָך זייער קומען קיין אַמעריקע איז געווען צו שאַפן אַ „החלוץ"־באַוועגונג מיט דער הילף פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי. די „החלוץ"־באַוועגונג איז שפּעטער פאַראייניגט געוואָרן מיט בן־גוריון׳ס און בן־צבי׳ס אַקציע צו מאָביליזירן אידישע יונגעלייט אין אַמעריקע פאַר דעם אידישן לעגיאָן אין ערשטן וועלט־קריג, צו קעמפן אין דער בריטישער אַרמיי פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל. פנחס רוטענבערג דער באַרימטער רוסיש־אידישער רעוואָלוציאָנער שפּעטער הויפּט־בויער פון דער עלעקטריפיקאַציע פון ארץ ישראל און פּרעזידענט פון „ועד לאומי" — וועלכער איז דאַן געווען אין די פאַראייניגטע שטאַטן, האָט זיך אויך אַריינגעוואָרפן אין ווערבירן יונגע אַמעריקאַנער אידן פאַר׳ן לעגיאָן. און דר. נחמן סירקין איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטן צו ווערן אַ לעגיאָנער. פאַרזאַמלונגען פאַר מאָביליזירן פרייוויליגע אין אידישן לעגיאָן זיינען דורכגעפירט געוואָרן איבער׳ן גאַנצן לאַנד. אונטער דער השפעה פון די פועלי ציון האָבן זעקס טויזנט און פינף הונדערט אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע זיך אָנגעשלאָסן אָן לעגיאָן.

די לעגיאָנערן פון אמעריקע וועלכע זיינען נאָכן קריג פאַרבליבן אין ארץ ישראל האָבן געגרינדעט דעם מושב „כפר אביחיל" און האָבן געהאָלפן צוריק אויפבויען באר טוביה, וואָס איז געוואָרן צעשטערט אין דער מלחמה. דאָס איז געוואָרן דער אָנהויב פון אַ רייע ישובים, וואָס די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט האָט שפּעטער געהאָלפן גרינדן אין ארץ ישראל.

צווישן די צוויי וועלט־מלחמות

אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום שטאַרק אויסגעוואַקסן אין זיין פּאָזיציע אין לעבן פון אידישן וועלט־פּאָלק און אין זיין זאָרג און פליכטען פאַר׳ן אידישן היימלאַנד, וואָס האָט אויפגעוואַכט צו אַ נייער גרויסער צוקונפט. דער אידישער ישוב אין אַמעריקע איז פון ערשטן וועלט־קריג אַרויסגעקומען מער אָרגאַניזירט, מער פּאַראייניגט, מיט אַ גרעסערן פליכטס־באַוואוסטזיין און אחריות פאַר זיין ראָלע אין וועלט־אידנטום. צו אָט דער גרינדליכער, פּאָזיטיווער טראַנספאָרמאַציע האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט געהאַט זייער אַ סך מיטגעווירקט, מיט אירע אידייען און איניציאַטיוועס.

איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן איז ווייטער פאַרבליבן צו געווינען די אידישע און אַלגעמיינע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע פאַר דער אידייע פון אַרבעטענדן ארץ ישראל. אין דער אידישער אַרבעטער־סביבה איז עס אפשר געווען נאָך שווערער, ווי אין דער ניט־אידישער. אַ בולט׳ע אילוסטראַציע פון דער דאָזיגער לאַגע איז געווען די דערקלערונג, מיט וועלכער עס איז אין יענער צייט אַרויסגעקומען דער אַרבעטער־רינג, אַז „ס׳איז ניטאָ קיין ארץ ישראל פאַר׳ן אַרבעטער־רינג״.

אויך דער ציל צו דעמאָקראַטיזירן די אידישע געזעלשאַפטליכקייט האָט נאָך געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונגען און קאַמפּען. און די אידישע קולטור־און דערציאונגס־אַרבעט האָט געדאַרפט שטאַרק אַנטוויקלט ווערן און פאַרצוויגט ווערן. די פּאַרטיי און דער פאַרבאַנד האָבן זיך ווייטער איינגעשפּאַנט אין דער פּיאָנערישער טעטיגקייט. דער פאַרבאַנד איז נאָך ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסן פּראָגראַם, וואָס ער איז צוגעטראָטן דורכצופירן באַלד נאָך דער נאָרמאַליזאַציע פון דער לאַגע, ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיגט. די טעטיגקייטן פאַר ארץ ישראל זיינען אויסגעברייטערט געוואָרן אין גייסט פון פּראָקלאַמירטן ציל: צו „באַטייליגן זיך אין יעדער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פאַר ארץ ישראל״, ווייל „דער פאַרבאַנד באַטראַכט די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל אַלס די שאַפער פון דער אידישער צוקונפט און די הויפּט־טרעגער פון אונזער אויפלעבונג אין ארץ ישראל״.

דער פאַרבאַנד האָט אויך תמיד געהאַט מזל מיט זיינע גענעראַל־סעקרעטאַרן. זיי זיינען געווען צווישן די אָנערקענטע דינאַמישע פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין די פאַראייניגטע שטאַטן. און מיט זייערע איניציאַטיוועס און טעטיגקייטן האָבן זיי געהאָלפן שאַפן די געשיכטע פון דער באַוועגונג. לואיס (אריה לייב) סיגאַל האָט פאַרנומען דעם דאָזיקן אַמט אַמלענגסטן פון אַלע ביז־איצטיגע גענעראַל־סעקרעטאַרן — אַן ערך פערציג יאָר, פון 1926 ביז 1964. און די תקופה, ווען ער איז געשטאַנען אין שפּיץ, קאָן אָנגערופן ווערן די גאָלדענע עפּאָכע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. אין זיין צייט האָט דער פאַרבאַנד, און דערמיט אויך די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, זיך אויסגעשפּרייט מיט זיין אַרבעט אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישן און אַלגעמיינעם אידישן געזעלשאַפטליכן און פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע, אַרומנעמענדיג אין דער ברייטסטער מאָס די טעטיגקייטן פאַר ארץ

ישראל, און גאָר באַזונדערס פאַר דעם אַרבעטנדיקן ישוב. פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן תמיד פאַרשטאַנען, אַז די געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע און קולטור־טעטיקייטן אין אידישן לעבן אין אַמעריקע — זיינען די באַזע און דער באַדינג פאַר די מעגליכקייטן אויסצוברייטערן די טעטיקייטן פאַר ארץ ישראל. אין לואיס סיגאַל'ס תקופה האָט די דאָזיגע קאָנצעפּסיע באַקומען דעם פולן אויסדרוק.

ווען לואיס סיגאַל האָט איבערגענומען דעם אַמט — פריער אין 1923 אַלס געהילפס־סעקרעטאַר — האָט ער שטאַרק באַדויערט, וואָס עס האָט געהאַט אויפגעהערט צו דערשיינען די טאָג־צייטונג „די צייט", וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פּינסקי, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ניו יאָרק, אין 1920. די צייטונג איז אָבער נאָך אַנדערהאַלבן יאָר אונטערגעגאַנגען איבער דעם מאַנגעל אין מיטלען. דאָס האָט באַוואויגן לואיס סיגאַל'ן צו זאָרגן אַלע יאָרן פאַר דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע צייטשריפטן פון דער באַוועגונג, באַזונדערס פאַר'ן וואָכנבלאַט „אידישער קעמפער", וואָס איז דאַן רעדאַקטירט געוואָרן דורך דעם גייסטיגן פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע אין יענער תקופה, דעם גלענצענדן און גערדאַנקען־רייכן שריפטשטעלער, עסייאיסט און פּובליציסט חיים גרינבערג, אַ לאַנגע צייט מיט דער הילף פון זיין געטרייען מיטאַרבעטער שלמה גראָדזענסקי, שפּעטער — איינער פון די פּראָמינענטסטע מיטאַרבעטער פון „דבר" אין תל אביב. אַ דאַנק חיים גרינבערג'ן און שלמה גראָדזענסקי'ן איז דער „קעמפער" דאַן אויסגעוואַקסן צו דעם ניוואָ פון וויכטיגסטן און איינפלוסרייכסטן וואָכן־זשורנאַל אין דער אידישער שפּראַך אויפ'ן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די דאָזיגע טראַדיציע איז ממשיך דער איצטיגער רעדאַקטאָר פון „קעמפער", דער באַקאַנטער שריפטשטעלער מרדכי שטריגלער. אַ סך פּראָמינענץ און איינפלוס האָט אויך געוואונען די ענגליש־אידישע צייטשריפט פון דער באַוועגונג „דזשואיש פראָנטיר", וואָס איז אַ לאַנגע צייט רעדאַקטירט געוואָרן דורך מאַרי סירקין, און דערשיינט איצט אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יהודה שאַפּיראָ.

לואיס סיגאַל האָט אַלע יאָרן געזוכט אויסצוברייטערן די באַזע פון פאַרבאַנד און דעם פאַרנעם פון די טעטיקייטן, ניט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר געוואַגטע פּרואוון. נאָך דער ניט־איבעריג געלונגענער אונטערנעמונג פון אויפבויען אין ניו יאָרק קאָאָפּעראַטיווע וואוין־הייזער און שפּאָר־און לייַ־קאַסעס פאַר די מיטגלידער, זיינען געגרינדעט געוואָרן זומער־קעמפּס אין ניו יאָרק, אין 1926, און שפּעטער איבער'ן לאַנד, מיט וועלכע די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַ לאַנגע צייט געקאָנט מיט שטאָלץ זיך איבערנעמען, ווי מיט באַדייטענדע צענטערס פון ציוניסטישער און אַלגעמיין־אידישער קולטור־טעטיגקייט אין די זומער־חדשים. אַ וויכטיגער שריט איז געווען דאָס אָרגאַניזירן, אַרום יאָר 1924, טרייד־יוניאָן צווייגן ביים פאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך געהאַט גוט אַנטוויקלט.

אין משך פון דער גאַנצער צייט איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן פאַרבאַנד און דער פּאַרטיי. דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ געטרייען שותף פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון־צעירי־ציון אין אַלע טעטיגקייטן, קאַמפּן און דערגרייכונגען. נאָר באַזונדערס האָט די דאָזיגע קאָאָפּעראַציע זיך אויסגעשפּרייט אויף די טעטיגקייטן פאַר ארץ ישראל. איינצעלנע גרופּעס פון דער פּאַרטיי האָבן שוין

דאַן, אין אַ רייע ערטער, אויך אָרגאַניזאַטאָריש זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט צווייגן פון פאַרבאַנד.

די דאָזיגע געמיינזאַמע אַרבעט האָט זיך שטאַרק אויסגעדריקט אין אויפשטעלן די יוגנט־באַוועגונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט „הבונים". עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראייניגטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט טאַקע באַקומען דעם נאָמען „פועלי ציון יוגנט פאַרבאַנד", וואָס האָט גלייך גענומען אָנפירן אַ שטאַרק־פאַרצווייגטע טעטיגקייט. די אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן אייגענע זומער־קעמפס איבער׳ן לאַנד, אונטער׳ן נאָמען „קבוצות", און האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ גרעסערע צאָל חלוצים, וועלכע האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל און אויפגעבויט שפּעטער אַ רייע קיבוצים. די „הבונים" האָבן אויך געזאַמעלט צווישן זיך גרעסערע סומעס פאַר די פאָנדן פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט פאַר ארץ ישראל און פאַר׳ן אידישן נאַציאָנאַל פאָנד. די חברים, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון די רייען פון די „הבונים", האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַראייניקונג פון פאַרבאַנד מיט דער פאַרטיי, סוף 1971.

די חלוצים פון די „הבונים" זיינען געוואָרן די בויער פון די קיבוצים און מושבים – כפר בלום, אורים, גשר הזיוו, און בית חרות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרען דורך דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע מיט דער הילף פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר „הסתדרות" און פון אַרבעטער־דעפּאַרטמענט ביים אידישן נאַציאָנאַל פאָנד.

זיג אויף דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־גאַס

די פּאַרטיי און דער פאַרבאַנד זיינען געווען די הויפּט־כוחות ביים גרינדן אין 1924 דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּעין פאַר דער „הסתדרות", דורכברעכנדיק מיט גרויסע און שווערע אָנשטרענגונגען, און נאָך אַ לאַנגן קאַמף, אַ באַדייטענדן טייל פון דער שאַרפער געגנערשאַפט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידייע. עס איז געווען אַ גרויסער נצחון פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען דער דעמאָלטיגער פירער פון דער אַמעריקאַנער אידישער־אַרבעטערשאַפט, מאַקס פּיין, האָט ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג פאַר'ן געווערקשאַפטן־קאַמפּעין, אין פעברואַר 1924 אין קופּער־יוניאָן אין ניו יאָרק, דערקלערט: „מיר נעמען היינט אַראָפּ דעם חרם אויף ארץ ישראל. מיר, אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, שטרעקן־אויס אַ ברודער־האַנט צו אונזערע ברידער־אַרבעטער אין ארץ ישראל", מיטטיילענדיג דערביי, אַז דער ערשטער ציל איז צו שאַפן צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע הונדערט פופציג טויזנט דאָלאַר פאַר דער הסתדרות. דער פאַרשטייער פון פאַרבאַנד ביי דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג, מאיר בראון, האָט אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט בייגעשטייערט די ערשטע צוויי טויזנט דאָלאַר אַלס „אַ גוטן אָנהויב פאַר'ן קאַמפּעין". פון די זעכציג טויזנט דאָלאַר, וואָס דער געווערקשאַפטן־קאַמפּעין האָט געזאַמלט אין ערשטן יאָר, האָבן די פאַרבאַנד־צווייגן בייגעטראָגן 25 פּראָצענט — פופצן טויזנט דאָלאַר.

די „הסתדרות" האָט אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר'ן פאַרבאַנד און פאַר דער פּאַרטיי געגרינדעט ביי תל אביב אַ שטאָטישן ישוב אונטער'ן העברעאישן נאָמען פון פאַרבאַנד „אפעל". (אגודת פועלים עבריים לאומיים). דער פאַרבאַנד האָט געזאַמלט העכער הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר שאַפן דעם ישוב, וואָס איז היינט־צו־טאָג אַ געגנט ביי תל אביב, וואו עס וואוינען אַ גרויסע צאָל עלטערע חברים פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָבן עולה געווען קיין ישראל.

אין 1926 איז געגרינדעט געוואָרן די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגענומען דעם פועלי ציון־פּראָגראַם און האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער וועלט־קאָנפעדעראַציע פון אַרבעטער־ציוניזם (איחוד עולמי). די אָרגאַניזאַציע איז זיך גיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, מיט צענדליגער אָפּטיילונגען און גרופּעס איבער'ן גאַנצן לאַנד, וועלכע פירן פון אָנהויב אָן אַ אינטענסיווע ציוניסטישע און קולטור־אַרבעט, נעמען אַ גרויסן אָנטייל אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער אידישער געזעלשאַפטליכקייט און זאַמלען רעגולער און סיסטעמאַטיש באַדייטענדע פאָנדן פאַר די סאָציאַלע טעטיגקייטן פון דער „מועצת הפועלות" אין ישראל, די פרויען־אָפּטיילונג פון „הסתדרות". די פרויען־קלובן, וועלכע זיינען אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן ביי אַ רייע צווייגן פון פאַרבאַנד, האָבן אין אַ גרויסער מאָס קאָאָפּערירט מיט דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, שטעלנדיג זיך די זעלבע צילן. די פרויען־קלובן האָבן זיך אַ סך

אָפּגעגעבן מיט די פֿאָלקס־שולן און אַנדערע דערציִאונגס־אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורכ'ן פֿאַרבאַנד.

די פֿאַרטיי און דער פֿאַרבאַנד האָבן מיטגעהאָלפֿן צו רעאַליזירן די אידייע, מיט וועלכער די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרויסגעקומען נאָך אין די פֿריערדיקע יאָרן, וועגן צונויפֿרופֿן דעם ערשטן וועלט־קאָנגרעס פֿאַר'ן אַרבעטענדיקן ארץ ישראל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בערלין, אין זומער 1930.

די באַזוכן פֿון די דעלעגאַציעס פֿון דער „הסתדרות", וואָס פֿלעגן כמעט יעדעס יאָר קומען צו העלפֿן אין געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן בעיקר דורך דעם פֿאַרבאַנד, אינאיינעם מיט דער פֿאַרטיי. אין די ראַמען פֿון די טעטיקייטן פֿאַר דער הסתדרות האָט די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אַרבעטערשאַפֿט געהאָלפֿן גרינדן די טאָג־צייטונג „דבר", וואָס האָט לעצטענס געפֿייערט דעם 50־יעריקן יובילעי.

די אַלע פֿאַרצווייגטע פּיאָנערישע אַקטיוויטעטן פֿאַר ארץ ישראל האָבן ניט אָפּגעווענדעט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַר דער וויכטיקייט פֿון דער קולטור־אַרבעט פֿאַר די חברים, און אין אַלגעמיין אין אידישן לעבן אין אַמעריקע. די צוגאַב־שולן פֿאַר קינדער און די שטודיר־קורסן פֿאַר דערוואַקסענע זיינען שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן און האָבן זיך פֿאַרמערט אין ניו יאָרק און איבער'ן לאַנד. דער אידישער לערער־סעמינאַר האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ צענטראַלער אינסטיטוציע פֿאַר אויסבילדן פּעדאַגאָגן פֿאַר די מאָדערנע אידישע שולן. לעקציעס פֿון פּראָמינענטע שריפֿטשטעלער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די גרעסערע און קלענערע אידישע געמיינדעס איבער'ן גאַנצן לאַנד, וואו עס איז אויך יעדעס יאָר אָרגאַניזירט געוואָרן אַ טור פֿון באַקאַנטע אידישע בינע־קינסטלער, וועלכע האָבן געגעבן פֿאָרשטעלונגען און קאָנצערטן אויף אַ העכערן ניוואָ. דערביי איז אָנגעפֿירט געוואָרן אַ סיסטעמאַטישע דערציִאונגס און אויפֿקלערונגס־אַקציע פֿאַר די אידייען פֿון דער אַרבעטער־פֿאַרטיי אין ציוניזם. אַן ענגע קאָאָפּעראַציע איז איינגעשטעלט געוואָרן מיט די קולטור־אוינסטיטוציעס, צו וועלכע די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפֿט האָט געפֿילט אַ גייסטיגע נאָענטקייט.

די צענטראַלע פֿירערשאַפֿט פֿון פֿאַרבאַנד און באַזונדערע צווייגן האָבן אַרויסגעגעבן, און געהאָלפֿן צו פֿאַרעפֿנטליכן, ווערק פֿון באַקאַנטע אידישע שריפֿטשטעלער. דער „אידישער קעמפֿער" איז אויך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿאַרלאַג, וואָס האָט פֿאַרעפֿנטליכט אַ רייע ביכער פֿון ציוניסטישער און אַלגעמיין־אידישער ליטעראַטור.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער פֿאַרבאַנד און די פֿאַרטיי האָבן אין דעם קולטור־פּראָגראַם געלייגט די הויפּט־געוויכט אויף טעטיקייטן אין דער אידישער שפּראַך, צילנדיק צו שטאַרקן די פּאָזיציע פֿון אידיש אין אַמעריקע, און זאָרגנדיק גלייכצייטיק פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון העברעאיש – איז אָבער ניט מינימיזירט געוואָרן די וויכטיקייט און די באַדייטונג פֿון געווינען די ענגליש־רעדנדיקע אינגערע קרייזן פֿאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. און אין 1936 איז אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון יעקב קאַצמאַן, געוועזענעם גענעראַל־סעקרעטאַר און עקזעקוטיוו וויצע־פּרעזידענט פֿון ציוניסטישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פֿאַר ענגליש־רעדנדיקע. יעקב קאַצמאַן איז איינגעלאַדן געוואָרן

צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער אָפּטיילונג צוליב זיין לאַנגיעריגער דערפאַרונג, וואָס ער האָט שוין דאַן געהאַט אין דער אָנפירונג פון דער פועלי ציון־יוגנט אָרגאַניזאַציע און „הבונים״, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט וויכטיגע אויפטוען. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן צווייגן פון ענגליש־רעדנדיקע אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל, דעטראָיט, קליוולאַנד, לאָס אַנדזשעלעס, סינסינעטי, נואַרק, באָפאָלאָ, מינעאַפּאָליס, סט. לואיס און אין אַ רייע אַנדערע שטעט איבער׳ן לאַנד. די צווייגן האָבן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע אַרבעט, און נייע יונגע קרייזן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רייען פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע.

אין צווייטן וועלט־קריג

ווען דער היטלעריזם האָט דערקלערט דעם אויסראָטונגס־קריג קעגן אידישן פאָלק און האָט באַדראָט קודם־כל די אַלט־איינגעוואָרצלטע אידישע ישובים אין אייראָפּע, אויסשפּרייטנדיק די געפאַר פון נאַציזם און ראַסיזם פאַר דער גאַנצער פרייער וועלט, האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז עס האָט אויסגעשלאָגן זיין שעה פון דער גרעסטער און שווערסטער אחריות פאַר׳ן גורל און קיום פון אידישן פאָלק, אָבער אינערליך, אין די פירנדיקע קרייזן פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ געראַנגל וועגן די מעטאָדן פון קאַמף, וואָס דאַרף געפירט ווערן קעגן דער היטלער־געפאַר און פאַר ראַטעווען דאָס אייראָפּעאישע אידנטום. די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך געפונען אין דעם לאַגער פון די אַגרעסיווסטע כוחות אין אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס האָבן גערופן צו אַ באָיקאָט קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, צו אַ מאַקסימאַלן קאַמף קעגן היטלעריזם און צו אַ באַלדיקער רעטונגס־אַקציע פאַר די אידן אין אייראָפּע.

דער פאַרבאַנד און די פּאַרטיי האָבן דאַן גענומען אַ הויפּט־אָנטייל אין אָרגאַניזירן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע פאַר דעם קאַמף קעגן היטלעריזם. די פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט זיינען געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון די גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורכ׳ן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אונטער דער לייטונג פון דר. סטיפען ס. וויז, און אין די קעמפערישע פּאָליטישע שריט, וואָס זיינען דאַן אונטערגענומען געוואָרן.

אויף דער איניציאַטיוו פון דר. סטיפען ס. וויז און דר. נחום גאָלדמאַן איז אין 1936 צונויפגערופן געוואָרן אין זשענעווע דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, מיט דער ערשטער הויפּט־אויפגאַבע צו פאַראייניקן דאָס וועלט־אידנטום פאַר דעם קאַמף קעגן דער היטלער־געפאַר און פאַר באַשיצן די אייראָפּעאישע אידן. די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט איז געווען אַ הויפּט־כוח אין אַמעריקאַנער אידנטום פאַר פאַרווירקליכן די אידייע צו גרינדן די דעמאָקראַטישע אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. די אידייע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס איז ניט געווען קיין נייע פאַר׳ן אַמעריקאַנער אַרבעטער־ציוניזם, וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט דער דאָזיקער איניציאַטיוו נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָכ׳ן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג האָט אויך דער צענטער פון קאַמף פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל זיך אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע. פאַר אָרגאַניזירן דעם קאַמף און צוטרעטן צו פאָרמולירן די פאָדערונג פון אידישן פאָלק פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט אין ארץ ישראל איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער ציוניסטישער „עמוירדזשענסי קאונסיל״, אין וועלכען די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט האָט גלייך פאַרנומען אַ פירנדע פּאָזיציע. חיים גרינברג, דער פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, איז אַ געוויסע צייט אויך געווען פאָרזיצער פון דעם ראַט.

דער פֿאַרבאַנד און די פּאַרטיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין צונויפֿרופֿן אין ניו יאָרק, אין מאַי 1942, די היסטאָרישע ציוניסטישע בילטמאָר־קאָנפֿערענץ, ביי וועלכער עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן די פֿאָדערונג וועגן גרינדן אַ אידישע קאָמאַנוועלט אין ארץ ישראל, נאָך דער מלחמה.

די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפֿט איז אויך געווען אין צענטער פֿון דער אַקציע פֿאַר צונויפֿרופֿן אין אויגוסט 1943 די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפֿערענץ, וואָס האָט רעפּרעזענטירט מער פֿון ניינציק פּראָצענט פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און האָט די פֿאָדערונג וועגן אַ אידישער קאָמאַנוועלט אין ארץ ישראל פּראָקלאַמירט אין נאָמען פֿון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס צונויפֿרופֿן די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפֿערענץ און דאָס דורכפֿירן דעם באַשלוס צו פֿאָדערן די גרינדונג פֿון אַ אידישער קאָמאַנוועלט אין ארץ ישראל איז ניט דערגרייכט געוואָרן אָן אַ שווערן און לאַנגן אינערליכן קאַמף צווישן די באַזונדערע גרופּעס פֿון אַמעריקאַנער אידנטום. אין דעם קאַמף, וואָס האָט דערמאָנט דעם גרויסן געראַנגל, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פֿאַר צונויפֿרופֿן דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, איז די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפֿט ווידעראַמאָל געשטאַנען אין די ערשטע רייען. און ווי ביי די וואַלן צום אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אין ערשטן וועלט־קריג, האָט דער אַרבעטער־ציוניזם דורכגעפֿירט אויך ביי די וואַלן צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפֿערענץ אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ גרויסע צאָל פֿאַרטרעטער, וואָס איז געווען דעצידירענד פֿאַר אָננעמען דעם באַשלוס וועגן דער פֿאָדערונג פֿאַר אַ אידישער קאָמאַנוועלט – וואָס האָט געמיינט אַ אידישע מדינה אין ארץ ישראל נאָך דער מלחמה.

אין דעם טראַגישן קאַפּיטל פֿון די פּרואוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין מיטן דער מלחמה אַרויסצוראַטעווען אידן פֿון נאַצי־אייראָפּע, האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפֿט ניט אויפֿגעהערט צו פֿאָדערן און מאָנען קאָנקרעטע און ראַדיקאַלע שריט. חיים גרינבערג׳ס אַרויסטריט אין יענע יאָרן מיט אַן אַרטיקל אין „אידישן קעמפֿער״ אונטער׳ן נאָמען „באַנקראָט״, וואו ער האָט אין דער שאַרפֿסטער פֿאָרם באַשולדיקט די אַמעריקאַנער אידישע געזעלשאַפֿטליכקייט אין מאָראַלישן באַנקראָט פֿאַר דער ווייט ניט־גענוגנדיקער האַנדלונג אין אָנבליק פֿון דער אידישער קאַטאַסטראָפֿע אין אייראָפּע, האָט דערפֿירט צו אַן איבערקערעניש אין דער באַציאונג צו דעם טראַגישן פּראָבלעם און האָט געשטויסן צו מער דרייסטע רעטונגס־אַקציעס.

אין דער אידישער דעלעגאַציע אין סאַן־פֿראַנציסקאָ ביי דער טשאַרטער־קאָנפֿערענץ פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער, אין אַפּריל 1945, ביי וועלכער עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער קאַמף אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע פֿאַר דער ווידעראויפֿריכטונג פֿון דער אידישער מדינה אין ארץ ישראל, האָבן די פֿאָרשטייער פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפֿט פֿאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע.

און ווען באַלד נאָך דער מלחמה האָט זיך געשטעלט דאָס פּראָבלעם וועגן אָרגאַניזירן די הילף פֿאַר דער שארית הפליטה אין אייראָפּע, האָבן דער פֿאַרבאַנד און די פּועלי ציון־פּאַרטיי זיך אַנטשלאָסן, סוף 1945, צו שאַפֿן דעם ציוניסטישן אַרבעטער־הילף און רעהאַביליטאַציע־קאָמיטעט.

די אָנפירונג פון ציוניסטישן אַרבעטער־הילף־קאָמיטעט איז דאַן איבערגעגעבן געוואָרן זאב באומגאלד'ן איצטיגן פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלער קאונסול (ראַט) פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד. דער הויפּט־ציל פון דעם קאָמיטעט איז געווען אַריינצוברענגען פאָלקסטימליכקייט און אַ נאַציאָנאַלן אידישן כאַראַקטער אין דער הילפס־אַרבעט אין אייראָפּע און פאַרבינדן זי מיט דער שטרעבונג פון דער שארית הפליטה ווידעראויפצוריכטן זיך אין ארץ ישראל און בויען פאַר זיך אַ נייע צוקונפט אין אייגענעם אידישן לאַנד.

פּאַרטיפּונג און פּאַראייניגונג

די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אַרבעטערשאַפּט איז געווען אידעאיש און אָרגאַניזאַטאָריש גוט צוגעגרייט צו דעם לעצטן פּאָליטישן קאַמף פאַר דער באַנייאונג פון דער אידישער מדינה אין ארץ ישראל. ביי די וואַלן צום 22־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעצעמבער 1946 אין באַזעל — צום ערשטן קאָנגרעס נאָכ׳ן אידישן חורבן אין אייראָפּע און לעצטן ערב דער ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל — האָט דער ציוניסטישער אַרבעטער־לאַגער אין די פאַראייניגטע שטאַטן דורכגעפירט אַ גרויסע דעלעגאַציע און האָט געהאַט אַ באַדייטנדן איינפלוס אויף די גורל׳דיקע באַשלוסן. חיים גרינבערג איז ביי דעם קאָנגרעס געוויילט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און האָט שפּעטער פאַרנומען אַ פּראָמינענט אָרט אין דער דעלעגאַציע פון דער אידישער אַגענטור ביי דער סעסיע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער אין די הערבסט־חדשים 1947, וואו עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די ארץ ישראל־פּראַגע, און וואו עס איז, דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס וועגן גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ ישראל.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, דעם 14־טן מאַי 1948; די באַפרייאונגס־מלחמה קעגן די אַגרעסיווע אַרמייען פון פינף אַראַבישע מלוכות; די שפּעטערדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן; דאָס אויפנעמען און איינאָרדענען די שארית הפליטה פון אייראָפּעאישן אידנטום און די הונדערטער טויזנטער פּליטים פון די אַראַבישע לענדער; די מאַסן־עליה אין די פּאָפּיגער יאָרן; די נייע אַראַבישע אַגרעסיעס; די סיני־אַקציע אין 1956; דער זעקס־טאָגיקער קריג אין 1967; די גרויסע „הסתדרות״־אונטערנעמונגען פאַר פאַרבעסערן די לאַגע פון דער אַרבעטנדיגער באַפעלקערונג; די יום־כיפור־מלחמה אין 1973; און די כסדר׳דיקע נויטווענדיגקייטן צו העלפן דער אידישער מדינה אין איר אַנטוויקלונג און אויפבוי, צו זיין עקאָנאָמיש שטאַרק אין דער געשפּאַנטער לאַגע איבער דער אומאויפהערליכער מלחמה־געפאַר, און קאָנען אויפנעמען נייע עולים, באַזונדערס די אידן וועלכע האָבן זיך אַרויסגעקראָגן פון סאָוועט־רוסלאַנד — די אַלע געשעענישן און נויטווענדיגקייטן האָבן געשטעלט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פאַר דער אויפגאַבע און פליכט צו זיין כסדר וואַכזאַם אויף דעם מצב אין מדינת ישראל און געבן די מעגליך גרעסטע פּאָליטישע און מאַטעריעלע הילף. די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט האָט מיט איר מאַסן־אָנטייל, דורך מאָביליזירן אירע אייגענע רייען און די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, פאַרנומען און פאַרנעמט ווייטער אַן ערשטע פּאָזיציע אין דער סאָלידאַריטעט און הילפס־אַקציע פאַר ישראל.

אין דער אַרבעט פאַר׳ן פאַראייניגטן אידישן אַפּיל; פאַר׳ן ישראל־באָנדס־קאַמפּעין; פאַר׳ן הסתדרות־קאַמפּעין; פאַר׳ן אידישן נאַציאָנאַל פאָנד און פאַר אַלע אַנדערע ישראל־פאָנדן, אַריינגערעכנט דעם הסתדרות־פאָנדאַציע־פאָנד, האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט זיך באַטייליגט און באַטייליגט זיך ווייטער, מיט זעלבס־

ביישטייערונגען אין אַ גרויסן פאַרנעם, און מיט דערפאָלגרייכע געלט־זאַמלונגען צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן.

די אַלע אָנגעשטרענגטע טעטיגקייטן זיינען דערמעגליכט געוואָרן אין אַ באַדייטענדער מאָס אַ דאַנק דער פאַרצווייגטער און טיפער אויפקלערונגס־אַקציע וועגן מדינת ישראל און אַרבעטער־ציוניזם, וואָס סיי דער פאַרבאַנד און סיי די פאַרטיי האָבן כסדר אָנגעפירט אין די קריטישע יאָרן צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער אידישער באַפעלקערונג. אין די פופציגער, זעכציגער און זיבעציגער יאָרן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן צענדליגער בראָשורן און גרעסערע פובליקאַציעס וועגן די אַנטוויקלונגען און פּראָבלעמען אין ישראל און אין אַרבעטער־ציוניזם. סעמינאַרן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַלע טיילן פון לאַנד. אַ גרויסע און דערפאָלגרייכע דערציערישע אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס און גרופּירונגען, און נייע קרייזן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רייען פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט און אין די טעטיגקייטן פאַר ישראל.

גלייכצייטיג האָט די מיטגלידערשאַפט פון דער פאַרטיי פאַרטיפט איר אידעאָלאָגיע ביי ספּעציעלע קאָנפערענצן, וואָס זיינען פאַר דעם צוועק גערופן געוואָרן. אַ וויכטיגע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן, און ווערט ווייטער אָנגעפירט, צווישן דער אידישער סטודענטן־יוגנט, מיט דעם צוועק צו דערנענטערן זי צום אידישן קולטור־לעבן און פּראָבלעמען פון ישראל און אידישן פאָלק. אין די ראַמען פון דער אַקציע זיינען, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער הלל־פאָנדאַציע פון די „בני ברית״, אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פון אידיש און אידישער ליטעראַטור אין מער פון דרייסיג אוניווערסיטעטן.

אַ וויכטיגע אַנטוויקלונג איז געווען די פאַראייניקונג פון אידישן לערער־סעמינאַר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, מיט דעם העברעאישן לערער־סעמינאַר „הרצליה״. אַ דאַנק דער פאַראייניקונג איז די הויכע לערן־אינסטיטוציע שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן און גיט איצט אַרויס פּעדאַגאָגן פאַר אַ סך אידישע שולן איבערן לאַנד. אַ פּראָמינענטע פּאָזיציע אויפ׳ן געביט פון אידישער דערציאונג פאַרנעמען די „כנרת״־טאָג־שול אין ניו יאָרק און די טאָג־שולן אין טאָראָנטאָ, ווינּיפּעג, און מאָנטרעאָל, וואָס האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט.

יעקב קאַצמאַן האָט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד זינט 1964 זיך געשטעלט, אין די לעצטע זעכציגער יאָרען, אין דער שפּיץ פון דער שווערער און קאָמפּליצירטער אַקציע פאַר דערפירן צו אַ פאַראייניגונג מיט דער פועלי ציון־פאַרטיי און מיט דער „הבונים״־אָרגאַניזאַציע. די פאַראייניגונג איז פייערליך געשלאָסן געוואָרן ביי דער קאָנווענשאָן אין דעצעמבער 1971. די פאַראייניקונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשעעניש פון גרויס וויכטיגקייט אין ציוניסטישן און אין אַלגעמיינעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, און איז וואָרים באַגריסט געוואָרן דורך דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ישראל, אַלס אַן אַנטשיידענדער פאַקטאָר פאַר שטאַרקן און אויסברייטערן די וועלט־באַוועגונג פון אַרבעטער־ציוניזם. צו דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן איז געקומען ספּעציעל פון ישראל דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון וועלט־פאַרבאַנד פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, איחוד עולמי, יצחק קארן.

דורך דער פאַראייניקונג איז דערפילט געוואָרן די שטרעבונג, וואָס איז פון

אָנהויב אָן געווען סיי אין פאַרבאַנד און סיי צווישן די חברים פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי צונויפצוגיסן זיך אין איין קאָאָרדינירטער אָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז הייט־צו־טאָג אָנגעשלאָסן און אינטענסיוו מיטבאַטייליגט אין דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אידישער אַגענטור; אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע (וועלכע איז אין אַ גרויסער מאָס געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און פּיאָנערישע אָנשטרענגונגען פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט); אידישן וועלט־קאָנגרעס; אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; קאָנפערענץ פון די פּרעזידענטן פון די גרויסע אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס — און נאָך פיל אַנדערע צענטראַלע אידישע געזעלשאַפטן, אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס: קאָנפערענץ פאַר׳ן סאָוועטישן אידנטום, אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציעס פאַר ישראל; אידישע פעדעראַציעס און געמיינדעס איבער׳ן לאַנד, פאַראייניגטער אידישער אַפּיל, ישראל־באַנד־אָרגאַניזאַציע; אידישער נאַציאָנאַל פאָנד, הסתדרות־קאַמפּעין, הסתדרות־פאָנדאַציע, אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, אידישער קולטור־קאָנגרעס, אידישע צדקה־פעדעראַציע, בני ברית־פאָנדאַציע פאַר די קורסן פון אידיש און אידישער ליטעראַטור אין די אוניווערסיטעטן, אידישער ביכער־ראַט, אידישער מוזיק־ראַט; אָרגאַניזאַציעס פון געוועזענע אידישע קאַצעטלער, געטאָ־קעמפער און שארית הפליטה פון אייראָפּע.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אויך פאַרטראָטן און מיטבאַטייליגט אין די אַקטיוויטעטן פון אַ רייע אַלגעמיינע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס, ווי: די קאָנפערענץ פאַר ציווילע רעכט, געזעלשאַפט פאַר די „יונייטעד ניישאָנס״, אַמעריקאַנער אימיגראַציע און בירגערשאַפט־קאָנפערענץ.

ביים ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט אַ דיוויזיע פון אָנגעשטעלטע פון אידישע געזעלשאַפטליכע און געמיינדע־אינסטיטוציעס, און עס איז אָנגעשלאָסן אַ גרופּע פון דער אָרגאַניזאַציע פון רעפאָרם־ראַביים. דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד האַלט־אָן אַן ענגע קאָאָפּעראַציע מיט דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער יוגנט־פעדעראַציע, מיט די פערשידענע אידישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס, מיט׳ן ראַט פון דער צפון־אַמעריקאַנער אידישער יוגנט.

ביים אָפּשליסן די זיבעציג יאָר פון איר עקזיסטענץ און טעטיגקייטן האָט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, בלייבנדיק געטריי דעם פּראָגראַם וואָס זי האָט פּראָקלאַמירט ביי איר גרינדונג, באַוויזן די באַרעכטיקונג פון אירע אידייען אויך אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אידנטום. דער קאַמף פאַר דער פולער פאַרווירקליכונג פון די מערסטע פון די גרונט־אידייען איז נאָך ווייט פון צו זיין פאַרענדיקט. און דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד גייט־אָן ווייטער מיט זיין פּיאָנערישער טעטיגקייט פאַר די נייע שווערע אויפגאַבען און גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייטן פון אַמעריקאַנער אידנטום אין דער איצטיגער קריטישער צייט אין לעבן און אין דעם קיום פון מדינת ישראל און פון אידישן פאָלק אין דער וועלט.

אין דעם גייסט גייט אַריין די אָרגאַניזירטע ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין אַכטן יאָרצענדליג — צו נייע פּיאָנערישע איניציאַטיוועס און אויפגאַבן אין דער תקופה פון נייע גרויסע פאָדערונגען און קריטישע פּראָבלעמען.

אַריינגייענדיק אין דער נייער עפּאָכע

„לאָמיר געדענקען, אַז מיר רעפּרעזענטירן די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דער אידישער געשיכטע — די פּאָליטישע באַוועגונג, וועלכע איז אַנשטאַנען ביים סוף פון נײַנצעטן יאָרהונדערט, פּראָקלאַמירנדיק: „אויב מיר ווילן, קאָנען מיר איבערמאַכן די געשיכטע" —

מיט דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט פּראָפעסאָר אַלען פּאלאק, פּאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אָנגעהויבן זיין פּראָגראַמאַטישן רעפעראַט ביים לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אָקטאָבער 1974, אין באָסטאָן. די פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע האָבן תמיד זינט דער גרינדונג פון דער באַוועגונג געהאַט דאָס דאָזיקע טיפע און ברייט־אומפאַסענדיגע בילד פאַר די אויגן — דאָס בילד פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וואָס דער ציוניזם האָט אַריינגעבראַכט און דאַרף ווייטער אַריינברענגען אין אידישן לעבן, אין דעם כסדר'דיקן פּראָצעס פון אידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

אַריבערטרעטענדיג איצט די שוועל פון זיבעציגסטן יאָר און אַריינגייענדיג אין דער נייער עפּאָכע, האָט די אָרגאַניזירטע ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע פאָמולירט איר פּראָגראַם, פאַר וועלכן זי האָט זיך ווייטער פאַרפליכטעט צו אַרבעטן און קעמפן, מיט באַנייטע כוחות. באַזירט אויף די גרונט־אידייען פון אַרבעטער־ציוניזם, וואָס האָבן זיך באַרעכטיגט אין די פאַרגאַנגענע זיבן יאָרצענדליגער, האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע זיך געשטעלט נייע אויפגאַבן, וועלכע זי טרעט איצט צו דורכצופירן.

„אין משך פון זיבעציג יאָר — ווערט דערקלערט אין דעם אידעאָלאָגישן פּראָגראַם — האָט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג באַטראַכט פאַר איר פליכט צו פאַרזיכערן דעם שאַפערישן המשך פון לעבן פון אידישן פאָלק. די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט איז געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון אידישן פאָלק אין דעם קאַמף:

- פאַר'ן אידישן קיום;
- פאַר שאַפן די אידישע מדינה אין ארץ ישראל אויף דער באַזע פון די פּיאָנערישע אידייען פון אַרבעטנדיקן ארץ ישראל;
- פאַר אַ דעמאָקראַטישן און לעבענספעהיגען אידישן ישוב אין אַמעריקע;
- פאַר אַ גייסטרייכער און אינהאַלטסרייכער אידישער דערציאונג;
- פאַר אַן אינטענסיוון פּראָגראַם צו אַנטוויקלען די אידישע יוגנט דורך די אָרגאַניזאַציעס פון „הבונים", „דרור" און גייסטיג־נאָענטע יוגנט־באַוועגונגען;
- פאַר אַ מאָדערנעם און שאַפערישן פּראָגראַם צו אַנטוויקלען און באַרייכערן דאָס אידישע קולטור־לעבן;
- פאַר געגנזייטיקער הילף און פראַטערנאַלן נוצן פאַר אַלע מיטגלידער פון דער באַוועגונג.

אין אידישן ישוב אין אַמעריקע

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד איז טיף פֿאַראינטערעסירט אין דער נאַטור און אין קוואַליטעט פֿון אידישן כלל־לעבן אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן און אין קאַנאַדע.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד באַטראַכט פֿאַר זיין פליכט צו קעמפן ווייטער פֿאַר אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטן און אָנגעפּירטן אידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס זאָל באמת קאָנען נאָכקומען די הצטרכות׳ן פון אַמעריקאַנער אידישן לעבן. דער פֿאַרבאַנד וועט ווייטער שטרעבן צו דעמאָקראַטיזירן אַלע אינסטיטוציעס פון אַמעריקאַנער אידישן ישוב.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד פֿאַרזיכערט די פולע הילף פֿאַר די באַוועגונגען פון „הבונים״ און „דרור״, וואָס גיבן דער אידישער יוגנט דעם אינטענסיוון אידייאישן פּראָגראַם און די פערזענליכע דערפֿאַרונג, וואָס נאָר די חלוצ׳ישע יוגנט־באַוועגונגען קאָנען פֿאַרשלאָגן. אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון וועגן דעם, אַז נאָר אַ אידעאַליסטישע יוגנט מיט אַ שטאַרקן פליכטס־באַוואוסטזיין קאָן פֿאַרזיכערן דעם המשך פון אַ רעוויטאַליזירטן אידישן ישוב אין אַמעריקע, וועט דער ציוניסטישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד זוכן נייע מיטלען צו פֿאַרטיפן די ענגע פֿאַרבינדונג צווישן די חלוצים אין ישראל און דער אידישער יוגנט אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע.

ישראל און דאָס אידישע פאָלק

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט געבן זיין אומבאַגרעניצטע הילף פאַר די עלעמענטן אין ישראל, וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי, אין הסתדרות, אין די קיבוצים, אין די מושבים און אין די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונגען, וועלכע שטרעבן צו שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט, וואָס איז באַזירט אויף סאָציאַלער גערעכטיגקייט פאַר אַלע מענטשן. דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד נעמט אויף זיך ווייטער די אויפגאַבע צו אינטערפּרעטירן פאַר דעם אַמעריקאַנער אידישן ישוב און פאַר'ן גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק די דאָזיקע נייע שאַפערישע געזעלשאַפט און איר פּראָקעמפּערין, די אַרבעטערשאַפט.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט קעמפן פאַר די רעכט פון אידישן פאָלק אומעטום, וואו די רעכט פון אידן זיינען באַדראָט. דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט ווייטער שטיצן דעם קאַמף פון אונזערע ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד, און דעם קאַמף פון אַלע אַנדערע אידן צו קאָנען לעבן אַ פריי און פול אידיש לעבן.

אין ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט ווייטער אָנפירן צווישן זיינע מיטגלידער אינטענסיווע אידישע קולטור און דערציאונגס־טעטיגקייטן און וועט ווייטער זאָרגן פאַר אָנהאַלטן די אַטמאָספערע פון פערזענליכער פריינדשאַפט; פאַר געגנזייטיקער הילף און פראַטערנאַלן נוצן; און פאַר געבן די מעגליכקייט צו זיין באַטייליגט אין אידישע און אַלגעמיינע כלל־ענינים.

נאָכוואָרט

די באַשיידענע בראָשור, וועלכע ווערט איצט איבערגעגעבן די לייענער פאַר זייער אינפאָרמאַציע, אַריענטאַציע, און אומפאַרמיידליך, אויך קריטיק – פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ פולע אויסשעפּנדיקע געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

פאַר שילדערן און אָפּשאַצן אויספירליך דעם גאַנג און די אַנטוויקלונגען פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־ציוניזם אין די פאַרגאַנגענע זיבעציק יאָר וואָלט געווען נויטיג צו שרייבן מער באריכות אויך וועגן דעם וואוקס און וועגן די געשעענישן און טראַנספאָרמאַציעס אין אידישן ישוב אין די פאַראייניגטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, אין אַלגעמיין, אין אָט דער גרויסער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט דאָס בילד, דעם כאַראַקטער, די חשיבות און די פּאָזיציע פון אַמעריקאַנער אידנטום. צו געבן אַזאַ איבערזיכט און מאַכן אַזאַ אַנאַליז איז ניט געווען די אויפגאַבע פון אָט דער באַגרעניצטער פאָרשונג־אַרבעט. דאָ האָבן געקאָנט אַרויסגעבראַכט ווערן נאָר די ראשי פּרקים.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן מיט זייער אַ שווערן און שטאַרקן קאַמף קעגן שטראָם אין דעם געזעלשאַפטליכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן אויף דער אידישער גאַס. דער קאַמף האָט געפאָדערט גרויסע קרבנות, וויטזיכטיגקייט און אַ טיפן גלויבן אין די אידייען, וואָס אונטער זייער פאָן איז אָט דער הערצאָישער און – אָן אַ גוזמא – גלאָררייכער גרעאַנגל געפירט געוואָרן, אַרויסרופנדיק אַ רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע פון נאַציאָנאַלער אידישער אויפוואַכונג און אויפלעבונג צווישן די פאָלקס־מאַסן. איצט, ביים אָפּשליסן די תקופה פון די זיבעציק יאָר, קאָן מיט אַ באַרעכטיגטן שטאָלץ פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די אידייען און צילן, פאַר וועלכע די פּיאָנערן פון אַרבעטער־ציוניזם זיינען ביים אָנהויב פון איצטיגן יאָרהונדערט אַרויסגעגאַנגען אין קאַמף קעגן אַ פּילפאַך־איבערוועגנדיקער מערהייט און אומפאַרגלייכליך גרעסערע כוחות אין דעמאָלטיקן אידישן לעבן – האָבן אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג, אויף וועלכן די אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט געדאַרפט גיין, און אָט די אידייען זיינען געוואָרן און געבליבן די יסודות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די גורל׳דיקע ראָלע און דער אַנטשיידנדיקער איינפלוס פון דער אויסגעוואַקסענער אידישער תפוצה אין אַמעריקע היינט־צו־טאָג.

דער קאַמף פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע קעגן שטראָם האָט מיטגעריסן דעם שטראָם. ער איז געווען אָנגעצייכנט פון אָנהויב אָן פאַר מיטרייסן דעם שטראָם און אים פאַרקירעווען אין דעם ריכטיקן וועג. דאָס איז געווען

דער אומפּאַרמיידליכער היסטאָרישער פּראָצעס אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן — דער פּראָצעס, וועלכן עס האָבן פּאָרויסגעזען די וויזיאָנערן און קעמפער פון אַרבעטער־ציוניזם. זייערע אידייען האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערן און קריטישן עקזאַמען פון דער געשיכטע. און עס איז ניט מער ווי רעכט, אַז אָט די באַשיידענע בראָשור זאָל זיין געווידמעט דעם אָנדענק פון אַלע פּיאָנערן און בויער פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־ציוניזם, וועלכע זיינען אויך געווען די פּאָרקעמפער און אַרכיטעקטן פון גרויסן, מעכטיגן און איינפלוסרייכן אידישן ישוב אין אַמעריקע — דעם גרעסטן, צענטראַלסטן און אַקטיווסטן קיבוץ אין איין לאַנד, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונזער גאַנצער געשיכטע פאַר די פאַרגאַנגענע צוויי טויזנט יאָר.

CURRENT JEWISH AFFAIRS PAMPHLETS

Number 1.

AN AGENDA FOR AMERICAN JEWS
a symposium
by PROFESSOR MORDECAI M. KAPLAN
and MOSHE SHARETT

• • •

Number 2.

A FATEFUL HALF-CENTURY
by C. BEZALEL SHERMAN

• • •

Number 3.

IDEOLOGY AND HISTORY OF SOVIET JEWISH POLICY
by JUDD L. TELLER

• • •

Number 4.

CULTURAL PLURALISM AND THE CRITICAL ISSUES IN JEWISH EDUCATION
by HORACE M. KALLEN

• • •

Number 5.

TRENDS AND ATTITUDES IN ISRAEL TODAY
by DR. BERL FRYMER

• • •

Number 6.

SEVENTY YEARS OF LABOR ZIONISM IN AMERICA
by AARON ALPERIN
Translated by IRVING HELLER

•

Send order and payment in advance to:

LABOR ZIONIST ALLIANCE

575 Sixth Avenue **New York, N. Y. 10011**

Epilogue

This modest brochure provides information, orientation and analysis of issues. It does not pretend to be a full, exhaustive history of the Labor Zionist Movement in America.

To portray and evaluate the course and development of American Labor Zionism in the past seventy years, it would be necessary to write at greater length about the growth and the events and changes in the Jewish community in the United States and Canada in general in the historic epoch that totally changed the appearance, character, importance and position of American Jewry. To give such an overview and make such an analysis was not the purpose of this limited research piece. Here we could bring out only main highlights.

The Labor Zionist Movement in America began with a difficult fight against the stream in the communal, political and cultural life in the Jewish milieu. The struggle demanded great sacrifices, farsightedness and a deep belief in these ideas. Under their banner this heroic and — without exaggeration — glorious battle was conducted. They were calling for a revolution, the revolution of national Jewish awakening and revival among the masses. Now, at the close of the seventy year era, it can be stated with justifiable pride that the ideas and goals for which the pioneers of Labor Zionism fought at the beginning of the century were opposed at that time by numerous forces in Jewish life. They showed the proper direction along which the development of American Judaism should proceed. These ideas became basic criteria on which the fateful role and decisive influence of the mature Jewish community depends today. The struggle of Labor Zionism in America against the stream was marked from the beginning by the design for redirecting its goals and objectives. That was the unavoidable historic process in American Jewish life — the process which the visionaries and fighters of Labor Zionism had foreseen. Their ideas have withstood the critical scrutiny of history. It is only right that this modest brochure be devoted to the memory of all the pioneers and builders of American Labor Zionism, who were also the advance troops and architects of the great, forceful and influential Jewish community in America, the most central, active group in one land that emerged in the entire history of the previous two thousand years.

In the Jewish Community in America

The Labor Zionist Alliance is deeply interested in the nature and quality of Jewish communal life in the United States and Canada and it considers it as its duty to continue the struggle for a democratically organized Jewish community in America which can really meet the needs of American Jewish life. The Alliance will continue to fight to democratize all the institutions of the American Jewish community.

The Labor Zionist Alliance assures the fullest support for the Habonim and Dror Movements, which give Jewish youth the intensive ideological program and personal experience that only pioneer youth movements can provide. Realizing that only an idealistic youth with a strong sense of duty can assure the continuity of a revitalized Jewish community in America, the Alliance will seek new means to deepen the close ties between the pioneers in Israel and Jewish youth in the United States and Canada.

Israel and the Jewish People

The Labor Zionist Alliance will give its unstinting help for those elements in Israel concentrated in the Labor Party, the Histadrut, the kibbutzim, the moshavim and the cooperative movements that strive to create a new society based on social justice for all people. The Alliance again takes upon itself the task to interpret to the American Jewish public and to the American people the new, creative society and its protagonists, the working population.

The Labor Zionist Alliance will fight for the rights of the Jewish people everywhere those rights are threatened. The Alliance will support the struggle of Russian Jewry in the Soviet Union so that all Jews should be able to live a full and free Jewish life.

In the Labor Zionist Alliance

The Labor Zionist Alliance will continue to conduct intensive Jewish cultural work as well as educational activities for its members, will preserve the atmosphere of personal friendship, mutual help and fraternal benefits, and will continue to participate in Jewish and general affairs.

Entering the New Epoch

"Let us remember that we represent the greatest revolutionary movement in Jewish history — the political movement which arose at the end of the nineteenth centrury, proclaiming: 'If we will it, we can remake history'."

With this reminder, Professor Allen Pollack, representative of the Labor Zionist Movement in the Executive of the World Zionist Organization, began his programmatic report at the last national conference of the American Zionist Federation in 1974 in Boston. The leaders of the Labor Zionists in America have since the founding of the Movement always had this deep and all-encompassing picture before their eyes — the picture of great revolutionary changes that Zionism has brought and must continue to bring in the normal process of Jewish national renaissance.

Passing the threshold of the seventieth year and entering the new epoch, organized Labor Zionism in America has formulated its program, for which it has further obligated itself to work and fight with renewed strength. Based on the basic ideas of Labor Zionism, which have proven themselves in the past seven decades, the Movement in America has set itself new tasks which it now is preparing to carry through.

"For seventy years," it is stated in the ideological program, "the Labor Zionist Movement has considered it as its duty to assure the creative continuity of the life of the Jewish people. The Labor Zionist Movement has stood in the front ranks of the Jewish people in the battle:

- for Jewish existence;
- for creating the Jewish State of Israel on the basis of the pioneering ideas of Labor Israel;
- for a democratic and viable Jewish community in America;
- for a Jewish education rich in content and spirituality;
- for an intensive program to develop Jewish youth through the organizations Habonim and Dror and other youth organizations kindred in spirit;
- for a modern and creative program to develop and enrich Jewish cultural life;
- for mutual help and fraternal benefits for all members of the movement.

Agency, the American Zionist Federation (created in large measure due to the initiative and pioneering efforts of the Labor Zionists), World Jewish Congress, American Jewish Congress, Conference of Presidents of Major American Jewish Organizations and many other central Jewish societies, institutions and organizations like the National Conference for Soviet Jewry, academic organizations for Israel, Jewish Federations and Councils over the country, United Jewish Appeal, State of Israel Bonds, Jewish National Fund, Histadrut Campaign, Histadrut Foundation, Jewish Labor Committee, Jewish Culture Congress, Federation of Jewish Philantropies, Bnai Brith Hillel Foundation for courses in Yiddish and Yiddish literature on campus, Jewish Book Council, Jewish Music Council, organizations of former concentration camp inmates, Ghetto Fighters and the remaining survivors from Europe.

The Labor Zionist Alliance is also represented and a participant in the activities of a series of general American organizations like the Leadership Conference for Civil Rights, the United Nations Association and the American Immigration and Citizenship Conference.

The Labor Zionist Alliance has organized a division for Jewish communal and social workers and one for Reform Rabbis. The Labor Zionist Alliance works closely with the American Zionist Youth Federation, various Jewish student organizations and the North American Jewish Youth Council.

At the close of seventy years of existence and activity the Labor Zionist Movement in America has remained true to the program announced at its founding, and shown the correctness of its ideas in the historic process of the development of American Jewry. The struggle for the concretization of the majority of its basic ideas is far from over. The Labor Zionist Alliance still goes on with pioneering activity for the new and difficult tasks and heavy responsibilities of American Jewry in the present critical period in the life of the Jewish State and the Jewish people throughout the world.

In that spirit the organized Labor Zionist Movement enters its eighth decade facing challenging pioneering initiatives and obligations in this period of new needs and problems.

Labor Zionist Movement has participated and continues to participate with large scale individual contributions and successful fund collections among the Jewish masses.

All of those intense efforts were made possible in large measure thanks to the intense and ramified informational activities about the State of Israel and Labor Zionism that both the Alliance and the Party regularly carried on in the critical years among the broadest strata of the American Jewish population. In the 50's, 60's and 70's tens of brochures were published about the developments and problems in Israel and Labor Zionism. Seminars were arranged in all parts of the country. A great and successful educational effort was conducted among the various groups and bodies and new circles were drawn into the ranks of the Labor Zionists and in the activities for Israel.

At the same time the membership of the Party deepened its understanding of ideology at special conferences called for that purpose. An important campaign was and still is being conducted among student youth for the purpose of bringing them nearer to Jewish cultural life and the problems of Israel and the Jewish people. In cooperation with the Bnai Brith-Hillel Foundations for example, youth study courses were organized in Yiddish and Yiddish literature in more than thirty universities.

An important development was the unification of the Jewish Teachers Seminary, founded by the Labor Zionist Movement, and the Hebrew Teachers Seminary "Herzliah". Thanks to the unification, the institution of higher learning was significantly broadened and now produces teachers for many Yiddish schools throughout the land. The Kinneret Day School and the day schools in Toronto, Winnipeg, and Montreal, which have developed well, occupy a prominent place in the area of Jewish education.

Jacob Katzman as the general Secretary of the Alliance since 1964 stood at the helm in the latter 1960's of the difficult and complicated task to achieve a unification with the Poale Zion Party and with the American Habonim Association. This unification was completed successfully at the convention in December 1971. The unification was an event of great importance in Zionist and general Jewish life in America and was warmly acclaimed by organized labor in Israel as a decisive factor in strengthening and broadening the World Labor Zionist Movement (Ichud Olami). The unification was an expression of the desire among both the members of the Alliance and the Poale Zion to unite into one coordinated organization of Labor Zionists in America.

The Labor Zionist Alliance is today a member of and intense participant in the work of the World Zionist Organization, the Jewish

Unification and Intensification

The American Labor Zionist Movement was well prepared ideologically and organizationally for the last political struggle for the renewal of the Jewish State of Israel. At the elections for the Twenty Second Zionist Congress, held in December, 1946 in Basle—the first Congress after the Jewish holocaust in Europe and the last before the re-establishment of the State of Israel—the Labor Zionist camp in the United States produced a large delegation and had a significant influence over the fateful decisions. Hayim Greenberg was elected a member of the American Section of the World Zionist Executive and later occupied a prominent place in the delegation of the Jewish Agency at the session of the General Assembly of the United Nations Organization in the spring of 1947, where the question about the Land of Israel was taken up and where, on the twenty seventh of November, 1947 there was a decision taken about the founding of an independent Jewish State of Israel.

The ensuing developments after the proclamation of the State of Israel on May 14, 1948; the War of Liberation against the armies of aggression of five Arab countries; the later political and economic difficulties; the reception and integration of the surviving remnant of European Jewry and the hundreds of thousands of refugees from the Arab countries; the mass aliyah in the 50's; the new Arab aggressions; the Sinai battle in 1956; the six-Day War in 1967; the great Histadrut enterprises for improving the condition of the working populace; the Yom Kippur War in 1973 and the routine need to help the Jewish State in its development and upbuilding, to be economically strong in the tense situation caused by the ceaseless danger of war and the need to be able to take in new olim, especially the Jews who got out of Soviet Russia—all these events and needs set American Jewry to the responsibility of being continually alert to the situation in the State of Israel and giving the greatest possible political and economic help. The Labor Zionist Movement, with its mass support and the mobilization of its own ranks and those of organized American Labor, has held and continues to hold a prime position in the solidarity and aid activities on behalf of Israel.

In the work for the United Jewish Appeal, the Israel Bond Campaign, the Histadrut Campaign, the Jewish National Fund and all the other Israel Funds—including the Histadrut Foundation Fund—the

the demand was brought forth for the founding of a Jewish Commonwealth in Israel after the war.

Labor Zionism was also at the center of the campaign to call together the American Jewish Conference in August, 1943, which represented more than ninety percent of the Jewish population in the United States and proclaimed the demand for a Jewish Commonwealth in the name of American Jewry. The calling of the conference and carrying through the resolution to found a Jewish Commonwealth in Israel was achieved after a long internal struggle among the various groups in American Jewish life. In that struggle, which brought back memories of the conflict carried on during World War I about convoking the American Jewish Congress, Labor Zionism again stood in the first ranks. As was the case at the elections to the American Jewish Congress in World War I, Labor Zionism won a great number of representatives at the elections to the American Jewish Conference in World War II. This was a deciding factor in accepting the decision concerning the demand for a Jewish Commonwealth, which meant a Jewish State of Israel after the war.

In the tragic chapter of the attempts made to rescue Jews from Nazi Europe in the middle of the war, Labor Zionists ceaselessly demanded concrete and radical steps. When Hayim Greenberg came out at that time with an article in the *Yiddisher Kemfer* entitled "Bankrupt", where in the sharpest terms he accused the American Jewish Community of moral bankruptcy in its far from efficacious handling of the situation in light of the Jewish catastrophe in Europe. This article brought about a revolution in relation to the tragic problem and led to bolder rescue operations.

In the Jewish delegation in San Francisco at the Charter Conference of the United Nations in April, 1945 where the struggle had already begun in the international arena for the rebuilding of the Jewish State in the Land of Israel, the representatives of Labor Zionism had a significant role.

And right after the war, when the problem of organizing help for the escaped remnants in Europe presented itself, the Alliance and Poale Zion decided at the end of 1945 to create the Labor Zionist Relief and Rehabilitation Committee.

The conducting of the Labor Zionist Relief Committee was assigned to Zev Baumgold, now chairman of the National Council of the Labor Zionist Alliance. The prime goal of the committee was to bring a human touch and a national Jewish character to the relief work in Europe and link it with the aspiration of the surviving remnant to re-establish itself in Israel and build a new future in its own Jewish land.

During World War II

